STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02136

DI TSUKUNFT FUN AN ILUZYE

Sigmund Freud

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די צוקונפט

פון אַן

אילוזיע

פון זיגמונד פרויד

איבערזעצט ביי

י. דאָרניק

די צוקונפט פון אן אילוזיע

ערשטער קאפיטעל

ווען מען לעבט פאר א לאנגער צייט אין א ספּעציעלער קולטור און מען שטרעבט אפט צו ענטדעקען דעם אורשפּרינג און דעם וועג פון איר ענטוויקלונג, פיהלט מען פאראיינם די אנרעגונג צו אומוועגדען די אויפמערקזאמקייט אין א צווייטער ריכטונג און פרעגען וואס פאר א ווייטערער שיקזאל עס ערווארטעט דיזער קולטור און וואס פאר א פארוואנדלונג זי איז פאראורטיילט דורך צו מאכען אין דער צוקונפט. אבער מען געפינט גלייך אויס אז דער ווערט פון אזעלכער נאכפארשונג איז באשרענקט פון אנפאנג אן איבער פארשידענע אורזאכען. איבערהויפּט, איבער דעם פאקט וואס עס זיינען פאראן זעהר ווייניג לייטע וועלכע קאנען באאבאכטען מענשליכע טעטיגקייטען אין אלע אירע צווייגען. די מערסטע לייטע זיינען געצוואונגען זיך צו באגרעניצען צו אן איינצעלנעם אדער גאר ווייניגע ספערען פון אינטערעס; אבער וואס ווייניגער א מענש ווייסט פון דער פארגאנגענהייט און פון דער געגענווארט אלץ אונזיכערער און ניט שטאנדהאפטיג וועט זיין זיין אורטייל וועגען דער צוקונפט. נאכמער, עס איז געגויע אין דער אנגעלעגענהייט פון דיזען אורטייל דאס די סוביעקטיווע ערווארטונגען פון דעם אינדיווידיאום זאלען שפּילען א טייל וועלכע איז שווער אפּצושאצען; ווייל עס איבערצייגט זיך צו זיין אפּהענגיג פון ריינע פּערזענליכע פאקטארען אין זיין אייגענער ערפאהרונג, אויף זיין מער וועניגער האפנונגספולער שטעלונג צום לעבען, לויט דעם טעמפּעראמענט, ערפאלג אדער מיסערפאלג, האבען אים צו געשריבען. אין ענדליך מוז מען נעמען אין אנבעטראכט דעם וואונדערבארען פאקט וואס אין אלגעמיין ערפאהרען מענשען די געגענווארט גאנץ נאאיוו, אזוי צו זאגען, זיי זיינען ניט אימשטאנד אפּצושאצען איר אינהאלט; זיי מוזען צום ערשטען קוקען אויף איר פון דער ווייטענס, ד. ה. די געגענווארט מוז פריער ווערען א פארגאנגענהייט איידער זיי קאנען געווינען פון איר אייניגע נויטיגע פאקטען מיט וועלכע זיי זאלען זיך באנוצען אין דעם מעסטען פון דער צוקונפט.

און אזוי דער וועלכער גיט זיך איבער זיינע נייגונגען ארויס צו

ברייננגען אַ מיינונג אויף דער וואַרשיינליכער צוקונפֿט פֿון אונזער קולטור וועט טוען זעהר גוט ווען ער וועט זיך דערמאָנען אין די שוועריגקייטען וועלכע זיינען נאָר וואָס אָנגעצייגט, און גלייכערווייזע אין דער אומבאַוואוסטקייט וועלכע איז אין אַלגעמיין פֿאַרבונדען מיט יעדער נביאות זאָגען. עס קומט אַרויס דערפֿון דאָס אין אַ געאיילטען פליה פֿון אַזעלכער גרויסער אויפגאַבע זאָל איך אויסזוכען דעם קליינעם טראַקט טעריטאָרי צו וועלכען מיין אויפמערקזאַמקייט איז ביז אַהער געווען געריכטעט, ווי נאָר איך האָב דערקלערט זיין פּאָזיציע אין אַלגעמיין.

די מענשליכע קולטור — איך מיין מיט דעם אַלע יעניגע באַציהונגען, דורך וועלכע דאָס מענשליכע לעבען האָט זיך אַרויס געהויבען איבער די חיה'שע צושטענדע און דורך וועלכען עס אונטערשייד זיך פֿון דעם חיה'שען לעבען, און איך פֿאַראַכטע צו פֿאַנאַנדער טיילען די קולטור און די ציוויליזאַציע־געגענוואַרטען, ווי זיי זיינען גוט באַוואוסט, אַלס צוויי אַנזיכטען צו דעם באַאָבאַכטער. זי שליסט איין אין איין זייט דאָס גאַנצע וויסען און מאַכט וועלכע די מענשען האָבען ערוואָרבען אין אָרדנונג זיי זאָלען זיין אימשטאַנד צו באַהערשען די כוחות פֿון דער נאַטור און צו ערבאָבערען פֿון איר די מיטלען אויף צו באַפֿרידיגען די מענשליכע באַדערפֿנישען; און אין דער צווייטער זייט שליסט זי איין אַלע נויטווענדיגע איינאָרדנונגען דורך וועלכע די מענשליכע באַציהונגען איינער צום צווייטען, און באַזונדערס די פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון די פֿאַרשיידענע ערגייכטע נאַטור רייכטימער, זאָלען קענען רעגולירט ווערען. דיזע צוויי שטרעבונגען פֿון דער קולטור זיינען ניט אונאָפּהענגיג איינע פֿון דער צווייטער, ערשטענס, ווייל די געגענזייטיגע באַציהונגען פֿון די מענשען זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט ביי דער מאָס פֿון דער אינסטינקטועלער באַפֿרידיגונג וועלכע די עקזיסטירענדע מיטלען מאַכען מעגליך; צווייטענס, ווייל דער אינדיווידועל קאָן אַרויפנעמען אויף זיך זעלבסט די אייגענשאַפֿט פֿון אַ שטיק אייגענטום אין זיין באַציהונג צו אַ צווייטען אינדיווידועל, אַזוי ווייט ווי דער צווייטער נוצט אויס זיין פֿעהיגקייט פֿאַר אַרבייט אָדער ווילט אים אויס פֿאַר זיין געשלעכטליכען געגענשטאַנד אָביעקט; און דריטענס, ווייל יעדער אינדיווידועל איז ווירקליך אַ פֿיינד פֿון דער קולטור, וועלכע איז פֿונדעסטוועגען אויגענשיינליך אַן אָביעקט פֿון אַלגעמיינער אַנגעלעגענהייט. עס איז מערקווירדיג וואָס ווי ווייניג די מענשען זאָלען ניט זיין פֿעהיג צו עקזיסטירען אין איינזאַמקייט דאָך פֿיהלען זיי די אָפּפֿערונג וועלכע די קולטור ערוואַרטעט פֿון זיי בכדי צו מעגליך מאַכען אַ געזעל־

שאַפטליכען עקזיסטענץ פאַר אַ שווערען יאָך. און דעריבער מוז זיך די קולטור באַשיצען געגען דעם אינדיווידועל, און איר אָרגאַניזאַציע, אירע אינסטיטוציעס און אירע געזעצען, זיינען אַלע געריכטעט צו דיזען צוועק; זיי ציעלען דאָס ניט נאָר ביי דעם איינריכטען די געוויסע פאַנאַנדערטיילונגען פון אייגענטום נאָר אויך ביי דעם אויפהאַלטען פון דיזע איינריכטונגען; אין פאַקט, זיי מוזען באַשיצען געגען די פיינדליכע נייגונגען פון דער מענשהייט יעדער זאַך וואָס האָט מיטגעהאָלפען צו דעם באַזיעגען פון דער נאַטור און צו דער באַשאַפונג פון רייכטום. מענשליכע באַשאַפונגען זיינען לייכט צו צושטערן, און די זעלבע וויסענשאַפט און טעכנישע געשיקטקייט וועלכע האָבען מיטגעהאָלפען אין זייער אויפבויען, קענען אויך ווערען אומגעווענדט פאַר זייער צושטערונג.

און אַזוי קריגט מען דעם אנדרוק אַז די קולטור איז עטוואָס אַזוינס וועלכעס איז געווען אַרויפגעצוואונגען אויף אַ געגענשטעלענדער מערהייט ביי אַ מינדערהייט וועלכע האָט פאַרשטאַנען ווי זיך צו באַפעסטיגען מיט די מיטלען פון מאַכט און צוואַנג. געוויינטלאַך, מען דאַרף דאָס פאַרשטעהן אַז דיזע שוועריגקייטען זיינען ניט קיין כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען פון דער קולטור זעלבסט, נאָר זיינען מיטבאַדינגונגען פאַראורזאַכט דורך די פעהלערהאַפטיקייטען פון די קולטורעלע פאָרמען וועלכע האָבען זיך אַזוי ווייט אַנטוויקעלט. געוויס, עס איז ניט שווער אָנצוצייגען דיזע פעהלערען. ווייל אין דער צייט ווען די מענשהייט האָט געמאַכט אַ גרויסען פאָרשריט אין דעם באַצווינגען פון דער נאַטור און קאָן אויך ערוואַרטען צו מאַכען פיעל גרעסערע פאָרשריטען, קאָן מען דאָך ניט אָנמערקען אַן עהנליכען פאָרשריט אין באַצוג פון מענשליכע אַנגעלעגענהייטען. און וואַרשיינליך האָבען זיך פיעלע מענשען אין יעדער פעריאָדע ווי אויך אַצינד געפרעגט אויב דאָס וואָס עס איז שוין ערוואָרבען דורך דער קולטור איז ווירקליך ווערט די מיה פון פאַרטיידיגונג. מען וואָלט געקאָנט דיינקען אַז אַ ריאָרגאַניזאַציע פון מענשליכע באַציהונגען זאָל זיין מעגליך, וועלכעס וואָלט דורך דעם פאַרלאָזן פון צוואַנג און אונטערדריקונג פון די אינסטינקטען אַוועק גענומען די אורזאַכען פאַר דער אונצופרידענהייט מיט דער קולטור, און אַזוי אַרום, ניט זייענדיג געשטערט ביי די אינערליכע קאָנפליקטען, וואָלטען זיך די מענשען מעהר איבערגעגעבען צו דער ערווערבונג פון די נאַטירליכע קוואַלען און צו געניסען פון זיי. דאָס וואָלט טאַקע זיין אַ גאָלדענע צייט, אָבער עס איז נאָך אַ פראַגע אויב אַזאַ צושטאַנד פון אַנגעלעגענהייטען זאָל זיך אַמאָל קענען

רעאַליזירען. עס זעהט אויס מעהר װאַרשײנליך דאָס יעדע קולטור מוז זיך אויפבויען אויף צוואַנג און אויף דער אונטערדריקונג פון די אינ־סטינקטען;עס שײנט אפילו צו זײן אונזיכער דאָס אָהן צוואַנג װאָלט זיך די מערהייט פון מענשליכע אינדיװידועלען גערן אונטערװאָרפען דער נויטװענדיגער אַרבייט צו ערװערבען נײע מיטלען פאַר דעם לעבענס אונ־טערהאַלט. מען באַדאַרף, דײנק איך, זיך רעכענען מיט דעם פאַקט דאָס עס זײנען פאַראַן אין אַלע מענשען פיעל צושטערענדע, און דערצו אױך, געגענגעזעלשאַפטליכע און געגענקולטורעלע נײגונגען, און בײ אַ גרויסער צאָל לייטע זײנען דיזע נײגונגען שטאַרק גענוג צו באַשטימען זײער אויפ־פיהרונג אין דער מענשליכער געזעלשאַפט.

דיזער פסיכאָלאָגישער פאַקט װערט אַן אַנטשײדענדע װיכטיגקײט װען מען בילד זיך אַן אָפשאַצונג פון דער מענשליכער קולטור. מען האָט פון אָנפאַנג געדײנקט אַז די עסענץ פון דער קולטור ליגט אין דעם באַ־צװינגען פון דער נאַטור אום צו קריגען די מיטלען פאַר דעם לעבענס אונ־טערהאַלט, און אין דעם פאַרמײדען די געפאַהרען װעלכע דראָהען דער קולטור בעת דעם געהעריגען פאַרטײלען פון דיזע צװישען דער מענש־הײט, אָבער אַצינד האָט זיך די װיכטיגקײט איבערגעטראָגען פון דער מאַטעריעלער אויפפאַסונג אויף דער פיזישער. די קריטישע פראַגע איז נאָר אויב און צו אַ װאָסערער מדרגה מען קאָן זײן ערפאָלגרײך; ערשטענס אין דעם פאַרמינדערען דעם יאָך פון די אינסטינקטועלע אָפּפערס װאָס זײנען אַרױפגעלײגט אויף די מענשען; צװײטענס, צו צוגעװאױנען זײ צו די אונטערדריקונגען װעלכע װעלען נויטיג זײן צו פאַרבלײבען; און דריטענס, אין דעם באַלוינען זײ דערפאַר. עס איז אַזוי אוממעגליך אויס־צוקומען אָהן דעם רעגירען איבער די מאַסען דורך אַ מינאָריטעט װי עס איז אוממעגליך אויסצוקומען אָהן צװאַנג אין דער אַרבײט פון דער ציװי־ליזאַציע, װײל די מאַסען זײנען פויל און אונװיסענד, זײ האָבען ניט קײן ליבע צו די אינסטינקטועלע פאַרלײגנונגען, מען קאָן זײ ניט איבערצײגען אויף דער אונפאַרמײדליכקײט דערפון דורך אַרגומענטען, און די אינדי־װידועלען שטיצען אײנער דעם צװײטען מיט אַ פולער מאָס צו דער אומ־אָרדנונג, אומגעהאָרכזאַמקײט. עס איז נאָר דורך דעם אײנפלוס פון אינדיװידועלען, װעלכע קאָנען געבען אַ בײשפּיל, װעמען די מאַסען אַנ־ערקענען פאַר זײערע פיהרער, קאָן מען זײ באַװעגען צו אונטערװאַרפען זיך צו די אַרבײטען און פאַרלײגנונגען פון װעלכע די עקזיסטענץ פון דער קול־טור איז אָפּהענגיג. אַלעס איז גוט װען דיזע פיהרער אַלײן זײנען לײטע

מיט אַ העכערען איינבליק אויף דעם וואָס שטעלט צוזאַמען די נויטווענ־דיגקייטען פון דעם לעבען, לייטע וועלכע האָבען עררייכט די הויכע מדרגה פון קענען באהערשען זייערע אייגענע אינסטינקטועלע פארלאנגען. אָבער עס איז פאראַן אַ געפאַהר, אַז אום זיי זאָלען ניט פארלירען זייער איינפלוס וועלען זיי נאָכגעבען צו די מאַסען מעהר וויפיל די מאַסען וועלען זיך זיי נאָכגעבען, און דעריבער זעהט דאָס אויס צו זיין נויטווענדיג, אַז זיי זאָלען אויך זיין אומאָפּהענגיג פון די מאַסען דורך דעם וואָס זיי וועלען באַזיצען אַזעלכע מיטלען דורך וועלכע זיי זאָלען קענען ארויפצווינגען זייער אויטאָריטעט. צו מאַכען דאָס קורץ, עס זיינען פאראַן צוויי גאַנץ פארשיידענע מענשליכע כאראַקטעריסטיקס וועלכע זיינען פאראנטוואָרט־ליך פאַר דעם פאַקט וואָס די אָרגאַניזאַציע פון דער קולטור קאָן זיך אויפ־האַלטען נאָר דורך אַ געוויסער מאָס פון צוואַנג; דאָס מיינט צו זאָגען, אַז די מענשען זיינען פון דער נאַטור ניט זעהר פארליבט אין ארבייט, און אַז ארגומענטען וועלען ניט העלפען געגען זייערע ליידענשאַפטען.

איך ווייס וועלכע אויסזעצונגען עס וועלען געבראַכט ווערען געגען דיזע אַרגומענטען. עס וועט געזאָגט ווערען אַז דער כאראַקטער פון די מאַסען, וועלכער ווערט דאָ געשילדערט, וועלכער באַדאַרף איבערצייגען אַז מען קאָן זיך ניט באַגיין אָהן צוואַנג אין דער אַרבייט פון דער ציוויליזאַציע, איז זעלבסט נאָר אַ רעזולטאַט פון דער פעהלערהאַפטער קולטור־רעלער אָרגאַניזאַציע, דורך וועלכער די מענשען זיינען געוואָרען פארביטערט, ראַכעלוסטיג און אונצופרידען. נייע דורות, פריינדליך דערצויגען און געלערנטע צו רעספּעקטירען דעם פארשטאַנד, וועלכע האָבען דער־פאַהרען די בענעפיטס פון דער קולטור אין די פריהע יאָרען פון דעם לעבען, וועלען האָבען אַ פארשיידענע שטעלונג געגען דעם; זיי וועלען דאָס פיהלען אַז עס איז זייער אייגענער באַזיץ, און וועלען זיין גרייט צו מאַכען פאַר איר דעם אָפּפער אין אַרבייט און אין אינסטינקטועלער פאר־לייגנונג וואָס איז נויטיג פאַר דער אויפהאַלטונג פון דיזען באַזיץ. זיי וועלען זיין אימשטאַנד אויסצוקומען אָהן צוואַנג און וועלען זיך ווייניג אונטער־שיידען פון זייערע פירערס. אויב קיין קולטור האָט נאָך ביז איצט ניט באַוויזען צו פּראָדוצירען מענשליכע מאַסען פון אַזעלכער קוואַליטעט, איז דאָס צוליב דעם פאַקט וואָס קיין קולטור האָט נאָך ניט אַנטדעקט דעם פּלאַן וועלכער זאָל קאָנען באאיינפלוסען די מענשען אויף אַזאַ וועג, און נאָך פון קינדווייז אָן.

מען קאָן צווייפלען אויב עס איז גאָר אין גאַנצען מעגליך, יעדענ־

פאַלס גראַדע איצט, אין דער געגענוואַרטיגער מדרגה פון אונזער באַצווינ־
גען די נאַטור, צו עטאַבלירען אַ קולטורעלע אָרגאַניזאַציע פון אזא סאָרט;
עס קאָן געפרעגט ווערען, פון וואַנען וועלען די גרויסע צאָל העכערע, אומ־
אָפּהענגיגע און אונאייגענוציגע פירער, וועלכע וועלען דאַרפען עקטען אַלס
דערציהער פון די צוקונפטיגע דורות, קומען; און מען קאָן דערשטוינט
ווערען פון דער אומגעהויער גרויסער מאָס קראַפט וואָס וועט זיין אומ־
פאַרמיידליך אויב מען וועט וועלען דורכפירען דיזע אַבזיכטען. אָבער מען
קאָן ניט אָפּלייקענען די פּרעכטיגקייט פון דיזען פּראָיעקט און זיין וויכ־
טיגקייט פאַר דער צוקונפט פון דער מענשליכער קולטור. דאָס איז גוט
באַזירט אויף אַ שטיק פּסיכאָלאָגישען אָנבליק, אויף דעם פאַקט וואָס דער
מענש אין אויסגעשטאַטעט מיט פאַרשיידענע אינסטינקטועלע פאָר־
ברייטונגען, דער ענדליכער קורס פון וועלכען עס איז באַשטימט ביי די
דערפאַרונגען פון דער פריער קינדהייט. אָבער די באַגריינצונגען פון דער
מענשליכער פעהיגקייט פאַר בילדונג האָט אַוועק געשטעלט גרעניצען צו
דער ווירקזאַמקייט פון אַזעלכער קולטורעלער אומבילדונג. מען קאָן
פרעגען אויב און צו אַ וואָסערער שטופע עס וואָלט געווען מעגליך פאַר
אַן אַנדער קולטורעלען יאָר־טויזענט אויסצומעקען די צוויי כאַראַקטערים־
טיקס פון די מענשליכע מאַסען וועלכע מאַכען די פירונג פון די מענשליכע
אַנגעלעגענהייטען אַזוי שווער. דער עקספּערימענט איז נאָך דערוויל ניט
געמאַכט געוואָרען. וואַרשיינליך וועט אַ געוויסער פּראָצענט פון דער
מענשהייט—צו פאַרדאַנקען אַ קרענקליכער פאָרבערייטונג אָדער דער צו
גרויסער אינסטינקטועלער קראַפט—פאַרבלייבען אויף אַלע מאָל אַנטי־
סאָציאַל, אָבער אויב עס וועט זיך נאָר איינגעבען צו פאַרקלענערען די
מערהייט, וועלכע איז איצט פיינדליך צו דער קולטור, אויף אַ מינדער־
הייט, וועט מען האָבען דורכגעפירט אַ גרויסע זאַך, ווירקליך אַלץ וואָס
קאָן נאָר דורכגעפירט ווערען.

איך וואָלט ניט וועלען געבען דעם איינדרוק אַז איך האָב אַוועק גע־
וואַנדערט ווייט אַוועק פון דעם ערוועלטען וועג פון מיין פאָרשונג. איך
וועל דעריבער אויסדריקליך צו געבן אַז דאָס איז ווייט פון מיין אַבזיכט
אָפּצושאַצען דעם ווערט פון דעם גרויסען עקספּערימענט וועלכער איז איצט
אין פּראָגרעס אין דעם גרויסען לאַנד וועלכעס איז אויסגעשפּרייט צווישען
אייראָפּע און אַזיע. ניט איך האָב דאָס ספּעציעלע וויסען און ניט די פיי־
היגקייט צו אַנטשיידען זיין מעגליכקייט, צו פּרובירען די טויגליכ־
קייט פון די אָנגענומענע מעטאָדען, אָדער צו מעסטען די ברייט פון דעם

אומפאַרמיידליכען אָבגרונד פון צווישען אבזיכט און אויספירונג. וואָס דאָרט קומט פאַר אין לויף פון דער פאָרבערייטונג מיידט אויס די אונטער־זוכונג, פאַר וועלכען עס איז נאָך ניט פאַרטיג; פאַר דיזען שטעלט אונזער לאַנג פאַראייניגטע קולטור אונז צו דעם מאַטעריאַל.

צווייטער קאַפּיטעל

מיר האָבען זיך אונערוואַרטעט ארויס געגליטשט פון דער עקאָנאָ־מישער פלאַכע אריבער צו צו דער פּסיכאָלאָגישער. צום ערשטען האָבען מיר געמאַכט אַ פאַרזוך צו זוכען דעם עסענץ פון דער קולטור אין די עק־זיסטירענדע מאַטעריעלע קוואַלען און אין דער איינאָרדנונג פון זייער פאַנאַנדערטיילונג. אָבער מיט דער אַנטדעקונג אַז יעדע קולטור איז באַ־זירט אויף געצוואונגענער אַרבייט און אויף דער אינסטינקטועלער פאַרלייג־נונג, און אַז צוליב דעם רופט דאָס אונפאַרמיידליך ארויס אַ געגנערשאַפט פון יענע וועלכע ווערען געטראָפען פון דיזע פאָדערונגען, איז געוואָרען קלאָר אַז די קוואַלען זעלבסט, די מיטלען דורך וועלכע מען קריגט זיי אין די איינאָרדנונג פון זייער פאַנאַנדערטיילונג, קאָן ניט זיין איר וויכטיג־סטע און איינציגסטע כאַראַקטעריסטיק; ווייל זיי זיינען געדראָהעט ביי דעם רעבעלירען און ביי די צושטערענדע ליידענשאַפטען פון די מיטגלי־דער פון דער קולטור. און אַזוי זיינען נאָך פאַראַן אין צוגאָב צו די קוואַ־לען די מיטלען אויף צו פאַרטיידיגען די קולטור: די צוואַנג מיטלען און אויך אַנדערע מיטלען וועלכע זיינען געריכטעט צו פאַראייניגען די מענשען מיט איר און צו באַלוינען זיי פאַר זייערע אָפּפערס. און דיזע לעצטע קאָן מען באַצייכענען אַלץ די פּיזישע ספערע פון דער קולטור.

צוליב גלייך־פאָרמיגער טערמינאָלאָגיע וועלען מיר באַצייכענען דעם פאַקט וואָס אַן אינסטינקט קאָן ניט באַפרידיגט ווערען אַלץ „פאַרניכ־טונג“, די מיטלען ביי וועלכע די פאַרניכטונג ווערט געזיכערט אַלץ — „פאַרבאָטונג“, און די צושטענדע וועלכע ווערען פּראָדוצירט פון דיזער פאַרבאָטונג אַלץ — „באַרויבונג“. דער נעקסטער שריט איז דאַן צו אונ־טערשיידען צווישען די באַרויבונגען וועלכע רירען אַן יעדערען און די וועלכע רירען ניט אַן יעדערען, זיי רירען בלויז אַן גרופּען, קלאַסען, אָדער זאָגאַר אינדיווידועלען. די ערשטע זיינען די עלטסטע; מיט די פאַרבאָ־טונגען וועלכע האָבען זיי פאַראורזאַכט האָט די קולטור אָנגעפאַנגען, ווער וויסט מיט וויפיל טויזענטער יאָר צוריק, זיך אָפּצוטיילען פון די אור־

שפרינגליכע חיה־שע צושטענדע פון דער מענשהייט. צו אונזער ערשטױ־
נונג געפינען מיר אוים אז יענע חיה־שע צושטענדע זיינען נאך אלץ װיר־
קענד, און זיי פארמירען נאך אלץ דעם קערן פון פיינדשאפט צו דער
קולטור. די אינסטינקטועלע באגעהרען װעלכע ליידען אונטער זיי װערען
געבוירען אויפסניי מיט יעדען קינד; עס איז פאראן א קלאס מענשען,
די ניוראטיקס, װעלכע ריעקטען שוין צו דער ערשטער גרופע פון פארניכ־
טונגען דורך אן אנטי־סאציאלער שטעלונג. אזעלכע אינסטינקטועלע בא־
געהרען זיינען די פון גלוי עריות, מענשענפרעסעריי, און מערדעריי. עס
זעהט אוים מאדנע צו קלאסיפיצירען דיזע, אין װעמעס פארשטױסונג עס
זיינען איינשטימיג אלע װי איינע, מיט יענע אנדערע װעגען װעמעס צו־
לאסונג אדער ניט צולאסונג צו אונזער קולטור עס איז נאך פאראן א גרױ־
סער שטרייט; אבער פסיכאלאגיש איז מען בארעכטיגט אזוי צו האנד־
לען. אויך איז ניט די שטעלונג פון דער קולטור צו דיזע עלטסטע אינ־
סטינקטועלע פארלאנגען די זעלבע אין יעדען פאל; נאר מענשענפרעסעריי
אליין זעהט אוים צו זיין פארדאמט פון יעדען איינעם, און—חוץ װי צו די
אנאליטישע באאבאכטער—גענצליך באזיגט; די קראפט פון די גלוי
עריות פארלאנגען קאן נאך אלץ באמערקט װערען טראץ די פארבא־
טונגען; און אונטער געװיסע אומשטענדען װערט מערדעריי נאך גע־
פראקטיצירט, װירקליך מיט פארגעניגען, ביי אונזער קולטור. עס איז
מעגליך אז עס ענטשטעהט נאך פאר אונז קולטורעלע ענטװיקלונגען אין
װעלכע נאך אנדערע תאװות, װעלכע זיינען איצט גענצליך ערלױבט, װע־
לען ערשיינען אזוי ניט אנגענעהם װי איצט מענשענפרעסעריי.

שוין אין די גאר ערשטע אינסטינקטועלע פארנייגונגען איז פאר־
װיקעלט א פסיכאלאגישער פאקטאר, װעלכער בלייבט פון גרוים װיכטיג־
קייט פאר אלעם װאס פאלגט. עס איז ניט אמת צו זאגען אז דער מענש־
ליכער פארשטאנד האט ניט דורכגעמאכט קיין אנטװיקלונג זינט די פריה־
סטע צייטען און אז אין קאנטראסט צו די פארשריטען פון װיסענשאפט
און טעכנישער געשיקטקייט איז דעם מענשענס פארשטאנד היינט דער
זעלביגער װי אין אנפאנג פון דער װעלט געשיכטע. מיר קאנען דא אנ־
צייגען אויף איינעם פון דיזע פארשריטען. עס איז אין דער איבער־
איינשטימונג מיט דעם קורס פון אונזער אנטװיקלונג דאס דער אויסער־
ליכער צװאנג איז גראדנױיז פאראינערליכט געװארען, און אז א ספעציעלע
גייסטיגע פונקציע, דעם מענשענס איבער־באװאוסטזיין, נעמט דאס אונ־
טער איר אויפפאסונג. יעדער קינד שטעלט אונז פאר דעם מאדעל פון

דיזער פאַרענדערונג; און נאָך אַדאַנק דיזע מיטלען ווערט דאָס אַ מאָראַלישער און געזעלשאַפטליכער וועזען. דיזע פאַרשטאַרקונג פון דעם איבער־באַוואוסטזיין איז אַ הויכגעשעצטער פּסיכאָלאָגישער באַזיץ פאַר דער קולטור. יענע לייטע אין וועמען דאָס איז פאָרגעקומען, איז פון צו זיין פיינד צו דער קולטור, ווערען זיי אירע אונטערשטיצער. וואָס גרעסער זייער צאָל איז אין אַ קולטורעלער געמיינדע, אַלץ מער זיכערער איז זי און אַלץ לייכטער קאָן זי אויסקומען אָהן אויסערליכען צוואַנג. אָבער די שטופּע פון דיזען פאַראינערליכען אונטערשייד זיך זייער אין דעם פאַל פון יעדער אינסטינקטועלער פאַרבאָטונג. וואָס אָנבעלאַנגט די פּריהסטע פאָדערונגען פון דער קולטור, וועלכע זיינען שוין דערמאָנט געוואָרען, איז דער פּראָצעס פון פאַראינערליכען זעהט אויס צו זיין ביז אַ גרויסער מאָס שוין דורכגעפירט, ווען מיר זאָלען נאָך אַרויסלאָזען פון דער רעכענונג די אומאַנגענעהמע אויסנאַמע פון די ניוראַטיקס.

אָבער דער פאַל איז אַנדערש ווען מיר קערען זיך אום צו די אַנדערע אינסטינקטועלע פאָדערונגען. מען קאָן באַמערקען מיט ערשטוינונג און אינטערעס דאָס אַ מערהייט פון די מענשען ווארפען זיך אונטער צו די פאַרלאַנגטע קולטורעלע פאַרבאָטונגען נאָר אונטער דעם דרוק פון אַן אויסערליכער קראַפט, אין פאַקט נאָר דאָרט ווי די לעצטע קאָן זיך אַליין פאַרטיידיגען און אַזוי לאַנג ווי זי איז אַ געגענשטאַנד פון מורא. דיזער כלל האַלט אויך אָן פאַר יענע אַזוי אָנגערופענע מאָראַלישע קולטורעלע פאָדערונגען, וועלכע מען קאָן אויף דעם זעלבען וועג אָנווענדען צו יעדען איינעם. די גרעסטע טייל פון דעם וואָס מען ערפאַהרט פון דער מענשליכער מאָראַלישער אומפאַרטרויליכקייט דאַרף דערקלערט ווערען אין דיזער פאַרבינדונג. עס זיינען פאַראַן איינצעלנע ציוויליזירטע לייטע וועלכע וואָלטען דערשוידערט געוואָרען פאַר מאָרד אָדער גלוי עריות, און וועלכע וואָלטען דאָך זיך ניט אָפּגעהאַלטען פון צו באַפרידיגען זייער גייציגקייט, זייערע אַנגריפע און זייער געשלעכטליכען לוסט, און וועלכע האָבען ניט קיין געוויסענסביסע פאַר דעם שעדיגען אימיצען דורך זייער ליגען זאָגען, באַטרוג, און פאַרלוימדונג, אַזוי לאַנג ווי זיי בלייבען אומבאַשטראָפט פאַר דעם; און עס איז קיין צווייפעל ניט אַז אַזוי איז אויך פאָרגעקומען פאַר פילע קולטורעלע עפּאָכען.

אויב מיר קערען זיך אום צו יענע באַגריינצונגען וועלכע זיינען נאָר אָנגעווענדעט פאַר געוויסע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, טרעפען מיר אַ צושטאַנד פון זאכען וועלכער איז אַזוי אויגענשיינליך אונפאַרשעמט און

איז דאָך אימער געווען אַנערקענט. עס איז צו דערוואַרטען אַז די פאַר־נאַכלעסיגסטע קלאַסען וועלען מקנא זיין די פּריוואַריטען פאַר זייערע פּרי־ווילעגיעס און זיי וועלען טוען אַלץ וואָס נאָר מעגליך אום צו באַפרייען זיך פון זייער גרויסער באַרויבונג. און דאָרט וואו דאָס איז אוממעגליך וועט אין דער קולטור הערשען אַ שטענדיגע מאָס פון אומצופרידענהייט, און דאָס קאָן פירען צו געפערליכע אויפשטאַנדען. אָבער ווען אַ קולטור איז נאָך ניט אַרויס פון דער שטופע אין וועלכער די באַפרידיגונג פון איין גרופּע פון אירע מיטגלידער רופט אַרויס די אומפאַרמיידליכע אונטער־דריקונג פון אַן אַנדער גרופּע, פיליכט פון דער מעהרהייט גרופּע—און דאָס איז דער פאַל אין אַלע מאָדערנע קולטורען— איז דאָס פאַרשטענדליך, אַז דיזע אונטערדריקטע קלאַסען זאָלען אַנטוויקלען פיינדשאַפט צו דער קול־טור; אַ קולטור וועמעס עקזיסטענץ זיי מאַכען מעגליך דורך זייער אַר־בייט, אָבער פון וועמעס רייכטימער זיי באַקומען צו אַ קליינעם חלק. אונטער אַזעלכע אומשטענדען קאָן מען ניט דערוואַרטען צו טרעפען אַ פאַראינערליכונג פון די קולטורעלע פאַרבאָטונגען צווישען די אונטער־דריקטע קלאַסען; געוויס זיי זיינען זאָגאַר ניט פאַרבערייטעט צו אַנ־ערקענען דיזע קולטורעלע פאַרבאָטונגען, אָנגעשטרענגט, ווי זיי זיינען, אויף דער צושטערונג פון דער קולטור זעלבסט און פיליכט זאָגאַר פון די השערות אויף וועלכע די קולטור שפּאַרט זיך אָן. דיזע קלאַסען זיינען אַזוי אָפענבאַר פיינדליך צו דער קולטור דאָס צוליב דעם האָט מען פאַר־זעהן די פאַרבאָרגענע פיינדשאַפט פון די בעסער באַזאָרגטע שיכטען. מען באַדאַרף דאָס גאָר ניט זאָגען, אַז אַ קולטור וועלכע לאָזט איבער אומ־צופרידען און טרייבט צו רעבעלירונג אַזאַ גרויסע צאָל פון אירע מיט־גלידער איז ניט האָט אַן אויסזיכט אויף אַ לאַנגען עקזיסטענץ און ניט זי איז באַרעכטיגט צו דעם.

ווי ווייט די קולטורעלע געזעצען האָבען זיך פאַראינערליכט—צו אויסדריקען דאָס איינפאַכער און ניט פּסיכאָלאָגיש: די מאָראַלישע שטופע פון די מיטגלידער—איז ניט די איינציגע פּסיכישע אייגענשאַפט וועלכע מען באַדאַרף נעמען אין אָנבעטראַכט ווען מען שאַצט אָפּ די ווערט פון דער קולטור. אין צוגאָב איז נאָך פאַראַן איר ירושה פון אידע־אַלען און קינסטלערישע שאַפונגען, דאָס מיינט צו זאָגען, די באַפרידיגונגען וועלכע זיי ביידע ברייַנגען.

מען וועט זיין זעהר גענויגט צו איינשליסען צווישען די פּסיכישע באַזיצונגען פון אַ קולטור אירע אידעאַלען, דאָס איז, אירע אורטיילען פון

וואָס עס באשטעהען אירע העכסטע און אמביציעזטע דורכפירונגען. עס זעהט אויס פון אנפאנג ווי דיזע אידעאלען וואָלטען באשטימט די דער־גרייכונגען פון דער קולטורעלער גרופע; אָבער דער אקטועלער פּראָצעס איבערצייגט גאָר אז דיזע אידעאלען זיינען מאָדעלירט לויט די ערשטע דערגרייכונגען וואָס די קאָאָפּעראַציע פון אינערליכער פעהיגקייט און אויסערליכע אומשטענדען האָבען מעגליך געמאַכט, און אז איצט ווערען די ערשטע דערגרייכונגען שטארק אנגעהאלטען ביי דעם אידעאל בלויז אלץ מוסטורען אויף נאָכצופאָלגען. די באפרידיגונג וואָס דער אידעאל גיט צו די מיטגלידער פון דער קולטור איז אלזאָ פון א נארסיסיסטישען* כאַראַקטער, עס איז באזירט אויף שטאָלץ אויף דעם וועגן וועלכן מ'האָט שוין דערפאָלגרייך ערגרייכט. אום צו מאַכען די באפרידיגונג פולשטענדיג פארגלייכט זיך די קולטור זעלבסט צו אנדערע וועלכע האָבען זיך אפּגעגעבען צו אנדערע אויפגאבען און האָבען אנטוויקעלט אנדערע אידעאלען. אויף דעם סמך פון דיזע פארשיידענהייטען פאָדערט פאר זיך יעדע קולטור דאָס רעכט צו פאראַכטען די איבעריגע קולטורען. אין דיזען וועג ווערען קולטורעלע אידעאלען סבות פאר דער אונאייניגקייט און פיינדשאפט צווישען פארשיידענע קולטורעלע גרופען, ווי מען קען דאָס אמדייטליכסטען זעהען צווישען נאַציאָנען.

די נאַרסיסיסטישע באפרידיגונג וואָס ווערט פארזאָרגט ביי דעם קולטורעלען אידעאל איז אויך איינע פון די כוחות וועלכע קאָנטראַ־עקטען אזוי ווירקענד דער פיינדשאפט צו דער קולטור אינערליך דער קולטורעלער גרופע. דאָס קאָן געטיילט ווערען ניט נאָר ביי די פּריווילעגירטע קלאסען וועלכע געניסען די בענעפיטען פון דיזער קולטור, נאָר אויך ביי די אונטערדריקטע, זינט דאָס רעכט צו פאראַכטען יענע וועלכע באלאנגען ניט צו זייער גרופּע באלוינט זיי פאר די אומרעכטען פון וועלכע זיי ליידען אין זייער אייגענער גרופע. אמת, מען איז א מיזעראבעלער פּלעביאָן, געמאַטערט דורך פארפליכטונגען און מיליטער דינסט, דערפאַר אָבער איז מען א רוימישער בירגער, און מען נעמט אן אנטייל אין דער אויפגאבע פון רעגירען אנדערע נאַציאָנען און אין דעם דיקטירען פון זייערע געזעצען. דיזע אידענטיפיצירונג פון די אונטערדריקטע מיט דעם קלאַס וועלכער רעגירט און עקספּלאָאַטירט זיי איז, פונדעסטוועגען, נאָר א טייל פון א

*applied to the love of one's own personality, deeds and qualities; includes also outo-erotism.

גרעסערען גאַנצען. אַזוי אַרום קענען די ערשטע זיך אפעקטיש צובינדען צו די צווייטע; און טראָץ זייער פיינדשאַפט קאָנען זיי געפינען זייערע אידעאַלען אין זייערע מייסטערס. ווען עס זאָלען ניט עקזיסטירען אַזעלכע באַציהונגען, הויפּטזעכליך פון אַ באַפרידיגענדען סאָרט, וואָלט געווען אומ־מעגליך צו פאַרשטעהן ווי אַזוי עס האָט זיך איינגעגעבען צו אַזוי פיעל קולטורען צו עקזיסטירען אַזוי לאַנג טראָץ דער בארעכטיגטער פיינד־שאַפט פון די גרויסע מאַסען.

פאַרשיידענאַרטיג איז די באַפרידיגונג וואָס די קונסט גיט צו די מיט־גלידער פון אַ קולטורעלער גרופּע. אַלץ אַ כלל פאַרבלייבט די קונסט ניט צוגענגליך צו די מאַסען, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט דער ערשעפּפענ־דער אַרבייט און וועלכע האָבען ניט גענאָסען די בענעפיטען פון אינדי־ווידועלער בילדונג. ווי עס איז אונז שוין פון לאַנג באַוואוסט, גיט די קונסט סובסטיטוט פאַרגיטיגונגען פאַר די עלטסטע קולטורעלע פאַרניי־נונגען, און וועלכע פיהלען זיך נאָך איבער אַזוי טיף, און פאַר יענער אורזאַכע דינט זי בעסער פון אַלץ צו אויסאיינען די מענשען צו די אָפּ־פערס וועלכע זיי האָבען געמאַכט צוליב דער קולטור. אין דער אַנדערער זייט, טוט די אַרבייט פון דער קונסט פאַרגרעסערען די געפיהלען פון אידענטיפיצירונג, וועלכע יעדע קולטורעלע גרופּע באַדאַרף אַזוי נויטיג האָבען, אין דער געלעגענהייט פאַרזאָרגען זיי פאַר דער טיילונג פון די הויך געשעצטע עמאָציאָנעלע דערפאַהרונגען. און ווען זיי שטעלען מיט זיך פאַר די דערגרייכונגען פון אַ ספּעציעלער קולטור, און רופט זיי אַזוי אַרום אין אַן איינדרוקספולען וועג צו אירע אידעאַלען, דינען זיי אויך אַלץ אַ נאַרסיסיסטישע באַפרידיגונג.

עס איז נאָך גאָר ניט דערמאָנט געוואָרען פון דעם וועלכעס איז פיליכט דער וויכטיגסטער טייל פון דעם פּסיכישען אינוועטאַר פון אַ קולטור: דאָס מיינט צו זאָגען, אירע—אין דעם ברייטסטען זינען—רעליגיעזע אידייען; אין אַנדערע ווערטער, דער געברויך פון וועלכען עס וועט שפּעטער גערעכטפערטיגט ווערען, אירע אילוזיעס.

דריטער קאַפּיטעל

אין וואָס ליגט די זאָנדערבאַרע ווערט פון די רעליגיעזע אידייען?

מיר האָבען געזעהן פון דער פיינדשאַפט צו דער קולטור וואָס איז פּראָדוצירט דורך דעם דרוק וואָס זי איבט אויס און דורך אירע פאָדערונג־

גען פּאַר אינסטינקטועלע פאַרניינונגען. ווען מען זאָל זיך פאָרשטעלען א שטאַנד אָהן פאַרבאָטונגען, דאַן וואָלט מען געקאָנט אויסקלייבען יעדער פרוי פאַר געשלעכטליכע צוועקען וועלכע וואָלט נאָר ארייַן אימי־צען אין פאַנטאַזיע, מען וואָלט געקאָנט הרג׳ענען אָהן צוריקהאַלט יעדען קאָנקורענט אָדער יעדערען מיט וועלכען מען קומט אין צוזאַמענשטויס אויף אַ וואָסערען עס איז אופן, און מען וואָלט קאָנען פאַרכאַפּען וואָס מען וואָלט וועלען פון אימיצען אַנדערש זאַכען אָהן יענעמס דערלויבניש; ווי גרויסאַרטיג, וואָס פאַר אַ פאָלגען פון פרייד וואָלט דאָס לעבען געווען! אמת, מען געפינט גלייך אוים די ערשטע שוועריגקייט: אימיצער אַנ־דערש האָט אויך פּינקטליך די זעלביגע פאַרלאַנגען, און וועט באַהאַנדלען דעם צווייטען ניט מיט מער אַכטונג ווי יענער באַהאַנדעלט אים. און אַזוי אַרום איז ווירקליך פאַראַן נאָר איין איינציגער פּערזאָן וועלכער קאָן געמאַכט ווערען אונבאַשרענקט גליקליך דורך דעם אָפּשאַפען פון די אַלע באַגריינצונגען וועלכע זיינען געווען אַרויף געלייגט ביי דער קולטור, און דאָס איז אַ טיראַן אָדער אַ דיקטאַטאָר וועלכער האָט מאָנאָפּאָליזירט אַלע מיטלען פון מאַכט; און זאָגאַר ער האָט אויך יעדער אורזאַכע צו וועלען אַז אַלע אַנדערע זאָלען אָמווייניגסטענס אָנהאַלטען איין קולטורעלען גע־באָט: „דו זאָלסט ניט הרג׳ענען“.

אָבער ווי אונדאַנקבאַר, ווי קורצזיכטיג נאָכאַלעמען, צו שטרעבען פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער קולטור! וואָס עס וואָלט דאַן געבליבען וואָלט געווען דער שטאַנד פון דער נאַטור, און דאָס איז נאָך פיעל ערגער צו דערטראָגען. עס איז אמת אַז די נאַטור פאַרלאַנגט ניט פון אונז צו אונטערדריקען אונזערע אינסטינקטען, זי לאָזט אונז טוען ווי אונז גע־פעלט; אָבער זי האָט איר אייגענעם זאָנדערבאַרען ווירקזאַמען וועג ווי אַזוי אונז צו באַשריינקען: זי צושטערט אונז גרויזאַם, קאַלט און האַרט, ווי עס זעהט אונז אוים און מעגליך גראַדע דורך דעם זעלביגען וואָס האָט אונז פאַרשאַפט פאַרגעניגען. עס איז געווען צוליב אָט די זעלביגע גע־פאַהרען מיט וועלכע די נאַטור סטראַשעט אונז, אָט דאָס וואָס מיר האָבען זיך אַלע פאַראייניגט און האָבען געמאַכט די קולטור, וועלכע, אחוץ אַנ־דערע זאַכען, האָט אויך די אויפגאַבע צו מאַכען מעגליך אונזער געמיינ־שאַפטליכע עקזיסטענץ. ווירקליך, עס איז די פּרינציפּיעלע אויפגאַבע פון דער קולטור, איר ווירקליכער raison d'etre צו פאַרטיידיגען אונז געגען דער נאַטור.

מען מוז מודה זיין אַז אין פילע הינזיכטען טוט זי דאָס שוין גאַנץ

ערטרעגליך, און עס איז קלאָר אַז מיט דער צייט וועט זי נאָך זיין פיל מעהר דערפאָלגרייך. אָבער קיינער איז ניט אונטער דער אילוזיע אַז די נאַטור איז שוין ביז איצט באַזיגט; זעהר ווייניג וואַגען צו האָפען אַז די נאַטור וועט אַמאָל זיין אין גאַנצען אונטער דעם מענשענס קאָנטראָל: עס זיינען פאַראַן די עלעמענטען וועלכע זעהן אויס ווי צו מאַכען חוזק פון דעם גאַנצען מענשליכען קאָנטראָל: די ערד ציטערניש וועלכע שפּאַלט פאַנאַנדער די ערד און באַגראָבט דעם מענשען מיט זיין גאַנצער אַרבייט; דאָס וואַסער, וועלכעס פאַרפלייצט און פאַרטרונקט אין ליאַרם אַלע זאַכען; דער שטורם, וועלכער טרייבט און פאַרניכטעט אַלץ אויף זיין וועג; עס זיינען פאַראַן קראַנקהייטען, וועלכע מיר האָבען ערשט ניט לאַנג אָנערקענט אַלס די אַטאַקעס אויף אונז פון אַנדערע לעבעדיגע באַשעפענישען; און ענדליך איז פאַראַן די שמערצליכע רעטעניש פון דעם טויט, פאַר וועלכען עס איז נאָך קיין שום היילמיטעל ניט אויסגעפונען געוואָרען, און עס וועט וואַרשיינליך קיינמאָל ניט אויסגעפינען ווערען. מיט דיזע כוחות וואַקסט פאַר אונז אויס די נאַטור, ערהאַבען, אומבאַרעמהערציג, אומערביטליך; אַזוי אַרום בריינגט זי נאָכאַמאָל צו אונזער געדאַנק אונזער שוואַכקייט און הילפלאָזיגקייט, אויף וועלכען מיר האָבען געדיינקט אַז די אַרבייט פון דער ציוויליזאַציע האָט אונז שוין דערפון מציל געווען. עס איז איינע פון די ווייניגע ערהאַבענע און באַפרידיגענדע ספּעקטאַקלען וועלכע די מענשען קענען אָפּפערען, ווען אין דעם באַגעגענען פון אַן עלעמענטען קאַטאַסטראָפע ערוואַכען זיי פון זייער צומישטקייט און פאַרווירונג, זיי פאַרגעסען אַלע זייערע אינערליכע שוועריגקייטען און פיינדליכקייטען, און געדיינקען בלויז די גרויסע אַלגעמיינע אויפגאַבע, דאָס פאַרהיטען פון דעם מענשליכען מין געגען דער אויבערמאַכט פון דער נאַטור.

פאַר דעם אינדיווידועל, ווי פאַר דער מענשהייט אין אַלגעמיין איז דאָס לעבען שווער צו דערטראָגען. די קולטור אין וועלכער ער נעמט אַ טייל לייגט אַרויף אויף אים אַ געוויסע מאָס פון באַרויבונג, און אַנדערע מענשען פאַרשאַפען אים אַ געוויסען גראַד פון ליידען, זיי טוען דאָס אָדער צו להכעיס די געזעצען פון דיזער קולטור אָדער איבער אירע אומפאָלקאָמענהייטען. גיב נאָך צו צו דעם די איבלען וואָס די אומבאַזיגטע נאַטור—ער רופט דאָס שיקזאַל—בריינגט אויף אים, וואָלט מען ערוואַרטעט אַז אַ פּערמאַנענטער צושטאַנד פון אַנגסטליכען צווייפעל און אַ גרויזאַמע אומגערעכטיגקייט צו זיין איינגעבוירענעם נאַראַסיסיזם זאָל דער רעזול

טאַט פון דיזען שטאַנד פון אַנגעלעגנהייטען. מיר ווייסען שוין ווי דער אינדיווידועל ריעקטעט צו די אומגערעכטיגקייטען וועלכע די קולטור און די מענשען לייגען אויף אים אַרויף: ער אַנטוויקעלט אַ געהעריגען גראַד פון ווידערשטאַנד און פון פיינדשאַפט געגען די אינסטיטוציעס פון דיזער קולטור, אָבער ווי אַזוי פאַרטיידיגט ער זיך געגען דער אויבערמאַכט פון דער נאַטור, פון דעם שיקזאַל, וועלכע סטראַשעט אים ווי זי סטראַשעט אַלעם?

די קולטור באַפרייט אים פון דיזער אויפגאַבע: זי פירט דאָס דורך אויף דעם זעלבען וועג פאַר יעדען איינעם. (עס איז כדאי צו באַמערקען אַז כמעט אַלע קולטורען זיינען דאָס זעלבע אין דיזען הינזיכט). זי שרייט ניט האַלט, ווי זי האָט דאָס געטון אין איר אויפגאַבע צו פאַרטיידיגען די מענשען געגען דער נאַטור; זי פאַרפאָלגט דאָס בלויז דורך אַנדערע מעטאָדען. דאָס איז אַ פאַרוויקעלטער ענין; די ערנסט געדראָהעטע מענשליכע זעלבסטווירדע פאַרלאַנגט אַ טרויסט, דאָס לעבען אין דער אוניווערס מוז באַפרייט ווערען פון זייערע שרעקען, און די צופעליגע מענשליכע נייגירדע, פאַרשטאַרקט, עס איז אמת, ביי די שטאַרקסטע פּראַקטישע מאָטיווען, פאָדערט אַן ענטפער.

מיט דעם ערשטען שריט, וועלכעס איז די פאַרמענשליכקייט פון דער נאַטור, איז שוין פיל געוואונען געוואָרען. קיין זאַך אָבער קאָן ניט געמאַכט ווערען פון די אונפּערזענליכע כוחות אָדער שיקזאַלען; זיי בלייבען אייביג ווייט, אָבער אויב די עלעמענטען האָבען ליידענשאַפטען וואָס ברויזען ווי יענע אין אונזערע אייגענע נשמות, אויב דער טויט זעלבסט איז ניט עפּעס אַ פריייוויליגע זאַך, נאָר אַ גוואַלדיגער אַקט פון אַ שלעכטען ווילען, אויב איבעראַל אין דער נאַטור האָבען מיר אַרום זיך וועזענס וועלכע זיינען עהנליך צו יענע פון אונזערע אייגענע אַרומיגע, דאַן קאָנען מיר ווירקליך פרייער אָפּאָטעמען, מיר קאָנען זיך פילען געזיכערט אין דעם אַנזעהן פון דעם איבערנאַטירליכען, און מיר קאָנען האַנדלען פסיכיש מיט אונזער צאָרנדיגען אַנגסט. מיר זיינען נאָך פילייכט שוצלאָז, אָבער ניט מעהר הילפלאָז פאַראַליזירט; מיר קאָנען אַמווייניגסטענס ריעקטען; פילייכט ווירקליך זיינען מיר זאָגאַר ניט אַזוי שוצלאָז, מיר קאָנען זיך ווענדען צו די זעלבע מעטאָדען געגען דיזע שרעקליכע איבער־מענשען פון איבער אונז מיט וועלכע מיר באַנוצען זיך אין אונזער אייגענער געזעלשאַפט; מיר גאָנען פּרובירן זיי צו באַשווערען, זיי איבערבייטען, זיי אונטערקויפען, און אַזוי אַרום דורך דיזע איינפלוסען קאָנען מיר אַוועק רויבען אַ טייל פון זייער מאַכט.

אַזאַ סובסטיטוט פון פסיכאָלאָגיע פאַר נאַטור וויסענשאַפט פאַרזאָרגט ניט בלויז אַ באַלדיגע דערלייכטערונג, נאָר עס צייגט אויך אָן דעם וועג צו אַ וויטערער מייסטערשאַפט פון דער סיטואַציע.

ווייל דאָרט איז גאָר ניט נײַ אין דיזער סיטואַציע. עס האָט אַ קינדערשען פאָרבילד, און עס איז ווירקליך נאָר אַ פאָרטזעצונג פון דיזען. ווייל שוין איינמאָל פריער איז מען געווען אין אַזאַ שטאַנד פון הילפלאָזיגקייט: אַלס אַ קליין קינד און אין זיינע באַציהונגען צו זיינע עלטערן. ווייל מען האָט געהאַט אורזאַכען צו מורא האָבען פאַר זיי, ספּעציעל פאַר דעם פאָטער, אָבוואָהל מען איז אין דער זעלבער צייט געווען זיכער אויף זיין באַשיצונג געגען די געפאַרען פון וועלכע מען האָט דאַן געוואוסט. און אַזוי איז דאָס געווען נאַטירליך צו אַסימילירען און פאַרבינדען די צוויי סיטואַציעס. דאָ, אויך, ווי אין דעם חלום־לעבען, איז דער וואונש געקומען צו זיין דערפילונג. דער שלאַפער איז פאַרכאַפּט פון אַ פאָרגעפיל פון טויט, וועלכער זוכט אים אַוועק צו טראָגען אין קבר. אָבער די טרוימען־אַרבייט ווייסט ווי אויסצוקלייבען אַ צושטאַנד וועלכער וועט אומוואנדלען זאָגאַר דיזע שרעקליכע פּאַסירונג אין אַ וואונש־ערפילונג: דער בעל החלומות זעהט זיך זעלבסט אין אַ פאַרצייטיגסטען עטראָסקיינעם קבר, אין וועלכען ער האָט זיך אַראָפּ געלאָזט, גליקלאַך מיט דער באַפרידיגונג וואָס דאָס האָט געגעבען צו זיינע אַרכעאָלאָגישע אינטערעסען. עהנליכערווייזע שטעלט זיך דער מענש פאָר די כוחות פון דער נאַטור ניט איינפאַך אין דער געשטאַלט פון מענשען מיט וועמען ער קאָן זיך פאַרבינדען ווי מיט זיין גלייכען—דאָס וואָלט ניט באַרעכטיגט דעם איבערגעוועלטיגטען איינדרוק וואָס זיי מאַכען אויף אים—נאָר ער גיט זיי די כאַראַקטעריסטיקס פון דעם פאָטער, ער מאַכט זיי פאַר געטער, און דאַדורך פאָלגט ער נאָך ניט נור אַ קינדערשען, נאָר אויך, ווי איך האָב שוין פּרובירט צו באַווייזען, א *phylogenetic פאָרבילד.

אין לויף פון דער צייט זיינען געמאַכט געוואָרען די ערשטע באָבאַכטונגען פון געזעץ און אָרדנונג אין די נאַטירליכע דערשיינונגען, און דערמיט צוגלייך פאַרלירען די כוחות פון דער נאַטור זייערע מענשליכע שטריכען. אָבער דעם מענשענס הילפלאָזיגקייט בלייבט איבער, און מיט דעם—זייער פאָטער־ביינקשאַפט און די געטער. די געטער האַלטען אָן זייער

*Phylogenetic, pertaining to the origin and development of a trait in the race or other biological division.

דרייפאכע אויפגאבע: זיי מוזען באשווערען די שרעקען פון דער נאטור, זיי מוזען ברייגנען אין הארמאני דאס באוואוסטזיין פון יעדען צו דער גרויזאמקייט פון דעם שיקזאל, באזונדערס ווי עס איז באוויזען געווארען אין דעם פאל פון דעם טויט, און זיי מוזען פארגיטיגען פאר די ליידען און בארויבונגען וואס דאס געמיינשאפטליכע לעבען פון דער קולטור האט ארויף געלייגט אויף דעם מענשען.

אבער אינערליך אין דיזע איז פאראן א שטופענווייזע איבערעקונג פון דעם אקצענט. עס איז באאבאכטעט געווארען אז די נאטור ערשיי־נונגען אנטוויקלען זיך פון זיך זעלבסט פון אן אינערליכער נויטווענדיג־קייט; אהן צווייפעל די געטער זיינען די לארדען פון דער נאטור: זיי האבען איר אזוי אראנזשירט און איצט קאנען זיי איר איבערלאזען צו זיך זעלבסט. נאר ביי א צופאל, אין די אזוי אנגערופענע מיראקעלס, מישען זיי זיך אריין אין איר וועג, ווי צו פראטעסטירען אז זיי האבען גאר ניט אפגעטראטען פון זייער אריגינאלער ספערע פון מאכט. און וואס אנבע־לאנגט די אומענדערונגען פון דעם שיקזאל, טוט אן אונאנגענעהמער פאר־דאכט פעסט באשטעהן אז די פארלעגענהייט און הילפלאזיגקייט פון דער מענשליכער ראסע קאנען ניט געהיילט ווערען. אט דא איז עס וואו די געטער זיינען אממערסטען געניויגט אונז צו פארפעהלען; אויב זיי אליין מאכען דעם שיקזאל, דאן מוזען זייערע וועגען זיין פאראורטיילט צו אומ־ערפארשליכקייט. די מערסט באגאבטע לייטע פון דער פארצייטיגסטער וועלט האבען זיך נעבעלדיג משער געוועזן אז העכער איבער די געטער שטעהט דער שיקזאל און די געטער זעלבסט האבען אויך זייערע שיקזאלען. און וואס מער זעלבסשטענדיג עס ווערט די נאטור און וואס מער די געטער ציען זיך צוריק פון איר, אלץ מער ערנסטער זיינען אלע ערווארטונגען קאנ־צענטרירט אויף דער דריטער אויפגאבע וועלכע איז באשטימט פאר זיי, און אלץ מער ווערט די מאראליטעט זייער ווירקליכער דאמיניאן. עס ווערט איצט די באשעפטיגונג פון די געטער צו פאראכטען די פיילערס און די שלעכטיגקייטען פון דער קולטור, אויפצופאסען אויף די ליידען וואס די מענשען זיינען גורם איינער דעם צווייטען אין זייער געמיינשאפטליכען לעבען, און צו זעהן אז די געזעצען פון דער קולטור, וועלכע די מענשען פאל־גען אזוי שלעכט, זאלען דורכגעפירט ווערען. די געזעצען פון דער קולטור זעלבסט ווערען געפרעטענדירט צו זיין פון א הייליגען אפשטאם, זיי ווע־רען דערהויבען צו א פאזיציע איבער דער מענשליכער געזעלשאפט, און זיי זיינען פאנאנדער געשפרייט איבער דער נאטור און איבער דעם אוניווערס.

און אזוי האט זיך אויס געפורעמט א רייכע זאמלונג פון אידייען, געבוירען פון דער נויט צו מאכען דעם מענשענס הילפלאזיגקייט דער־טרעגליך, און אויסגעבויעט פון דעם מאטעריאל וואס די עראינערונגען פון דער הילפלאזיגקייט פון זייער אייגענער קינדהייט און די קינדהייט פון דער מענשליכער ראסע האבען אים געגעבען. עס איז לייכט צו זעהן אז דיזע אידייען פראטעקטען דעם מענשען אין צוויי ריכטונגען; געגען די געפארען פון דער נאטור און שיקזאל, און געגען די שלעכטיגקייטען פון דער מענשליכער געזעלשאפט זעלבסט. דער באטרעף פון דעם איז דיזעס: דאס לעבען אויף דער וועלט דינט א העכערען צוועק; אמת, עס איז ניט לייכט צו טרעפען דעם כאראקטער פון דיזען צוועק, אבער געוויס ווערט בעדייטעט א פארפאלקאמענהייט פון דעם מענשליכען עקזיסטענץ. וואר־שיינליך דער גייסטיגער טייל פון דעם מענשען, די נשמה, וועלכע האט אין לויף פון דער צייט אזוי לאנגזאם און ניט ווילענדיג זיך זעלבסט אפגע־בונדען פון דעם קערפער, וועט זיין געאכטעט אלס דער געגענשטאנד פון דיזער ערהאבענהייט און באגייסטערונג. יעדע זאך וואס פאסירט אויף דער וועלט דריקט אויס די אבזיכטען פון אן אינטעליגענץ, העכער איבער אונז, וועלכע טוט אם ענדע, אבוואהל עס איז שווער נאכצופאלגען אירע פארשיידענע וועגען, איינארדנען יעדער זאך צו גוטען, דאס מיינט, פאר אונזער פארצוג. איבער יעדען איינעם פון אונז וואכט א וואוילטעטיגע, און נאר אויגענשיינליך א שטרענגע, השגחה, וועלכע וועט ניט דערלאזן מיר זאלען ווערען א שפילעבעל פון די גאנצע אונברחמנותדיגע כוחות פון דער נאטור; דער טויט אליין איז ניט פארניכטונג, איז ניט א צוריקקער צו דער אומארגאנישער לעבענסלאזיגקייט, נאר דער אנפאנג פון א נייעם מין עקזיסטענץ, וועלכער ליגט אויף דעם וועג פון אנטוויקלונג צו עפעס הע־כערס. און צו אומקערען זיך צו דער אנדערער זייט פון דער פראגע, די מאראלישע געזעצען וועלכע האבען אויסגעפורעמט אונזער קולטור, רעגירען אויך איבער דעם גאנצען אוניווערס, נאר זיי זיינען אויפגעהאלטען מיט אן אונפארגלייכבארער גרעסערער קראפט און באשטעהענדער הארמאני ביי אן אויבער־געריכטליכען הויז. אם ענדע ווערן אלע גוטע בעלוינט, און אלע שלעכטע באשטראפט, אויב ניט ווירקליך אין דיזען לעבען, דאן פאסירט דאס אין די ווייטערדיגע עקזיסטענצען וואס פאנגען זיך אן נאכדעם טויט. און אזוי זיינען אלע די שרעקען, די ליידען און די שוועריגקייטען פון לעבען פאראורטיילט צו אפגעמעקט ווערען; דאס לעבען פון נאכ'ן טויט, וועלכעס זעצט פאר אונזער ערדישען עקזיסטענץ ווי דער אונזעהבארער טייל פון דער ספעקטרום קומט גלייך נאך דעם זעהבארען, בריינגט די

גאַנצע פאָלקאָמענהייט, וועלכע מיר האָבען פיליכט דאָ פאַרפעהלט. און
די העכערע חכמה וואָס דירעקטירט דיזע אויפפיהרונג, די העכסטע גוטס־
קייט וועלכע ערקלערט זיך אַליין אַזוי אַרום, די גערעכטיגקייט וואָס דער־
גרייכט אַזוי אַרום איר ציעל—דיזע זיינען די אייגענשאַפטען פון די היי־
ליגע וועזענס וועלכע האָבען אויסגעפורעמט אונז און די וועלט אין אַל־
געמיין; אָדער בעסער פון דעם איינציגען הייליגען וועזען אין וועלכען עס
זיינען קאָנדענסירט, אין אונזער קולטור, אַלע פאַרצייטיגע געטער. די
ראַסע וועמען עס האָט זיך צום ערשטען איינגעגעבען אַזוי צו קאָנצענ־
טרירען די הייליגע אייגענשאַפטען איז געוועזן ניט ווייניג שטאָלץ אויף
דיזען פאָרשריט. זי האָט אַנטפּלעקט דעם פאָטער קערן וועלכער איז
אימער געלעגען פאַרבאַהאַלטען הינטער יעדער הייליגער פיגור; פונדאַ־
מענטאַל איז דאָס געוועזן אַ צוריקקער צו די היסטאָרישע אנפאַנגע פון דער
אידייע פון גאָט. איצט אַז גאָט איז געוועזן אַן איינציגער פערזאָן, האָבען
די מענשליכע באַציהונגען צו אים געקענט ווידער באַקומען די פאַרטרוי־
ליכקייט און אָנגעשטרענגטקייט פון דעם קינדס באַציהונג צו דעם פאָטער.
אויב מען האָט געטאָן אַזוי פיל פאַר דעם פאָטער, דאַן געוויס וועט מען
בעלוינט ווערען. — אַמווייניגסטענס דאָס נאָר באַליבטע קינד, דאָס אויס־
דערוועלטע פאָלק וועט באַלוינט זיין. ניט לאַנג צוריק האָט די הייליגע
אַמעריקע באַהויפּטעט אַז אַמעריקע איז „גאָטס באַליבסטע פאָלק“, און
פאַר איינע פון די פאָרמען אונטער וועלכע די מענשען דינען צו דער גאָט־
הייט איז די פאָדערונג געוויס באַרעכטיגט.

די רעליגיעזע אידייען וועלכע זיינען נאָר וואָס סומערירט געוואָרען
זיינען געוויינטלאַך דורכגעגאַנגען אַ לאַנגען פּראָצעס פון אַנטוויקלונג,
און זיינען געוועזן אָנגעהאַלטען אין פאַרשיידענע געשטאַלטען ביי פאַרשיי־
דענע קולטורען. איך האָב אויסגעקליבען איינע אַזאַ פאַזע פון אַנטוויק־
לונג, וועלכע קאָן מער אָדער ווייניגער פאַרגלייכט ווערען צו דער לעצטער
פאָרם פון אונזער היינטצייטיגער קריסטליכער קולטור אין דעם מערב. עס
איז לייכט צו זעהן אַז ניט אַלע חלקים פון דיזען גאַנצען קענען זיך צופּאַסען
איינער צום צווייטען, אַז ניט אַלע פראַגען וואָס פאָדערן דרינגליך אַן ענט־
פער קריגען אים, און אַז די ווידערשפרוכען פון טעגליכע דערפאַהרונגען
קאָן מען נאָר מיט שוועריגקייטען אָפּ'פטרן. אָבער אַזעלכע ווי זיי זיי־
נען, דיזע אידייען—רעליגיעז, אין ברייטסטען זינען פון וואָרט—זיינען
זיי געשעצט אַלץ דער שעצבאַרסטער באַזיץ פון דער קולטור, אַלץ די
ווערטפולסטע זאַך וואָס זי האָט צו געבען אירע מיטגלידער; פיעל מער

העכער געשעצט דען אַלע אונזערע מיטלען פאַר דעם געווינען די אוצרות פון דער ערד, צו פאַרזאָרגען די מענשען מיט לעבענס מיטלען, אָדער פאַר דער פאַרהיטונג פון קראַנקהייטען, און אַזוי ווייטער; די מענשען דיינקען אַז דאָס לעבען וואָלט זיין אומערטרעגליך ווען זיי וואָלטען ניט צוגעבען דיזע אידייען די וויכטיגקייט וואָס איז געפאָדערט פאַר זיי. און איצט וואַקסט אויס די פראַגע: וואָס זיינען דיזע אידייען אין דעם ליכט פון דער פסיכאָלאָגיע; פון וואַנען ציהען זיי די אַכטונג אין וועלכער זיי ווערען אָנגעהאַלטען; און ווייטער, אין אַלע מיסטרויען, וואָס איז זייער ווירקליכער ווערט?

פערטער קאַפּיטעל

אַן אויספאָרשונג וואָס געהט אַן אומאונטערבראָכען, ווי אַ מאָנאָלאָג, איז ניט אינגאַנצען אָהן אירע געפאַרען. מען איז צו לייכט גענויגט אַוועקצושטופען געדאַנקען וואָס וואָלטען איר אונטערבראָכען, און אין אויסטויש בלייבט מען מיט אַ געפיל פון אונזיכערקייט וועלכען מען ווערט אַם ענדע דערטרינקען דורך אַן איבער אַנטשיידענהייט. דעריבער וועל איך מיר פאָרשטעלען אַ געגנער, וועלכער פאָלגט נאָך מיינע אַרגומענטען מיט אומצוטרויען, און איך וועל אים לאָזען אַריינשטעלען באַמערקונגען דאָ און דאָרטען.

איך הער אים זאָגען: „דו האָסט אונצעליגע מאָל געברויכט די אויסדריקע „די קולטור באַשאַפט דיזע רעליגיעזע אידייען", „די קולטור גיט זיי צו אירע מיטגלידער פאַר זייער אָנווענדונג", וועלכעס קלינגט עפּעס מאָדנע צו מיר. איך קאָן אַליין ניט זאָגען פאַרוואָס, אָבער עס קלינגט ניט אַזוי נאַטירליך ווי צו זאָגען אַז די קולטור האָט געמאַכט רעגולאַציעס וועגען דער פאַרטיילונג די פּראָדוקטען פון אַרבייט, אָדער וועגען די רעכטען איבער פרויען און קינדער."

איך דענק, פונדעסטוועגען, דאָס מען איז באַרעכטיגט אַזוי זיך אויסצודריקען. איך האָב געפרואווט צו באַווייזען אַז די רעליגיעזע אידייען זיינען אַרויס געשפּרונגען פון די זעלבע באַדערפעניששען ווי די אַלע אַנדערע עררייכונגען פון דער קולטור: פון דער נויטווענדיגקייט זיך צו באַשיצען געגען דער דריקענדער איבערמאַכט פון דער נאַטור. און דאָרט איז נאָך געווען אַ צווייטער מאָטיוו: דער שטאַרקער וואונש צו קאָרעקטען די שמערצליך פיהלענדע אומפאָלקאָמענהייטען פון דער קולטור. נאָכמער,

דאָרט איז עפּעס באַזונדערס פּאַסענד אין דעם זאָגען אַז די קולטור גיט דעם אינדיווידועל דיזע אידייען, ווייל ער געפינט זיי גרייט, זיי זיינען איבער־געגעבען צו אים גרייט־געמאַכטע; ער וואָלט ניט זיין אימשטאַנד אַליין צו געפינען זיי. עס איז די ירושה פון פילע דורות אין וועלכער ער געהט דאָס אריין און וועלכע ער נעמט איבער ווי ער נעמט איבער די כפל טאַבעלען, געאָמעטריע, און אַזוי ווייטער. עס איז געווים פאַראַן אַן אונטערשייד אין דיזען; אָבער דאָס ליגט ערגעץ אַנדערש, און איך קאָן דאָס ניט דער־קלערען ביי דיזען פונקט. די פיהלונג פון מאָדנעקייט וואָס דו דערמאָנסט קאָן מען טיילווייז צו שרייבען צו דעם פאַקט וואָס דיזע זאַמלונג פון רעלי־גיעזע אידייען ווערט אין אַלגעמיין אָנגעבאָטען אַלס אַ הייליגע אַנט־פּלעקונג. אָבער דאָס אַליין איז דאָך אַ טייל פון דעם רעליגיעזען סיסטעם, און לאָזט גענצליך אַרוים פון דעם רעכענונג די באַוואוסטע הסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דיזע אידייען און זייערע פאַרענדערונגען אין די פאַרשיי־דענע צייטען און קולטורען.

„אַן אַנדער פּונקט וועלכער שיינט צו מיר נאָך מער וויכטיג. לויט דיר נאָך שטאַמט אָפּ דאָס פאַרמענשליכען פון דער נאַטור פון דעם וואונש צו מאַכען אַן ענדע צו דער מענשליכער פאַרלעגענהייט און פון דער נויט־וועדניגקייט צו עטאַבלירען באַציהונגען מיט, און ענדליך צו באַאיינפלוסען, דיזע כוחות. אָבער דיזע דערקלערונג שיינט צו זיין איבערמעסיג. ווייל דער פּרימיטיווער מענש האָט קיין ברירה ניט, ער האָט קיין אַנדער וועג פון דיינקען. עס איז נאַטירליך צו אים, אַזוי ווי איינגעבוירען, צו פּראָ־יעקטירען זיין עקזיסטענץ אויסערליך אין דער וועלט אריין, און צו אַכטען אַלע פּאַסירונגען וואָס קומען אונטער זיין באָאָבאַכטונג ווי די מאַניפעס־טאַציעס פון וועזענס וועלכע זיינען פונדאַמענטאַל עהנליך צו אים. עס איז זיין איינציגע מעטאָדע פון באַגרייפונג. און עס איז באַין אופן ניט אויגענשיינליך, אומגעקערט עס איז אַ מערקווירדיגער צוזאַמענטרעף, דאָס עס זאָל אים געלונגען צו באַפרידיגען איינע פון זיינע גרויסע באַדערפ־נישען דורך דעם איבערגעבען זיך זיין נאַטירליכער איינאָרדנונג.“

איך געפין דאָס גאָר ניט אַזוי איבעראַשענד. ווייל דיינקסטו אַז די מענשליכע געדאַנקען־פּראָצעסען האָבען ניט קיין פּראַקטישע מאָטיוועז, אַז זיי זיינען בלויז דער אויסדרוק פון אַן אומאייגענונציגער נייגירדע? דאָס איז געווים זעהר אומוואַרשיינליך. איך גלויב ניבער, אַז ווען ער פּערזאָניפיצירט די כוחות פון דער נאַטור פאָלגט דער מענש נאָכאַמאָל נאָך אַ קינדערשען פאָרבילד. ער האָט געלערענט פון די פּערזאָנען פון זיין

פריהעסטער אַנטוויקלונג אַז דער וועג ווי זיי צו באַיינפלוסען איז צו עטאַבלירען באַציהונגען מיט זיי, און אַזוי, שפּעטער צו, מיט דעם זעלבען ציעל אין אַבזיכט, האַנדעלט ער מיט יעדער זאַך וואָס עס פּאַסירט צו אים ווי ער האָט געהאַנדעלט מיט יענע פּערזאָנען. און אַזוי טו איך ניט ווי־דערשפּרעכען דיין באַשריבענע באָבאַכטונג; עס איז, אין פּונקט פון פאַקט, נאַטירליך צום מענשען צו פּערזאָניפיצירען יעדער זאַך וואָס ער ווינשט צו באַגרייפען, בכדי ער זאָל דאָס שפּעטער קאָנען קאָנטראָלירען —די פּסיכישע אונטערזאָכונג אַלס אַ פאָרבאַרייטונג פאַר דער פיזישער— אָבער איך האַלט פאַרטיג אין צוגאָב אַ מאָטיוו און אַנטשטעהונג פאַר דיזער זאָנדערבאַרקייט פון דעם מענשליכען געדאַנק.

„און איצט נאָך אַ דריטער פּונקט. דו האָסט שוין אַמאָל פריהער באַהאַנדעלט דעם אורשפּרינג פון רעליגיע, אין דיין בוך Totem and Tabu. אָבער דאָרט דערשיינט דאָס אין אַ פאַרשיידענעם געשטאַלט. יעדע זאַך איז די זון־פאָטער באַציהונג; גאָט איז דער ערהאָבענער פאָטער, און דאָס בײנקען נאָך דעם פאָטער איז דער שורש פאַר דער באַדערפעניש פון רעליגיע. זינט דאַן, שיינט, האָסטו ענטדעקט דעם פאַקטאָר פון מענש־ליכער שוואַכקייט און הילפלאָזיגקייט, צו וועלכען ווירקליך דער גרעסטער טייל פון דער פאָרמירונג פון דער רעליגיע ווערט געוויינטלאַך איבערגע־טראָגען, און איצט פיהרסטו איבער צו דער הילפלאָזיגקייט יעדער זאַך וואָס עס איז פריהער געווען פאָטער קאָמפּלעקס. מעג איך דיך פרעגען מיר אויפצוקלערען וועגען דיזער טראַנספאָרמאַציע?“

מיט פאַרגעניגען, איך האָב נאָר געוואַרט אויף דיזער איינלאַדונג. אָבער איז דאָס ווירקליך אַ טראַנספאָרמאַציע? אין „טאָטאַם אונד טאָבו“ איז ניט געווען מיין אַבזיכט צו דערקלערען דעם אורשפּרונג פון רעליגיע, נאָר פון טאָטעמיזם. קאָנסטו פון וועלכען עס איז דיר באַוואוסטען שטאַנד־פּונקט דערקלערען דעם פאַקט וואָס די ערשטע פאָרם אין וועלכער דער גאָט באַשיצער האָט זיך אַנטפּלעקט צו די מענשען איז געווען די פאָרם פון אַ חיה, וואָס עס האָט עקזיסטירט אַ פאַרבאָטונג געגען דעם הרג׳נען אָדער עסען דיזע חיה, און וואָס עס איז דאָך געווען אַ הייליגער מנהג צו הרג׳נען און צו עסען דיזע חיה געמיינשאַפטליך איינמאָל אַ יאָהר? אַט דאָס פּינקטליך קומט פאָר אין טאָטעמיזם. און עס איז קוים צו דעם צוועק צו אַרגומענטירען אויב טאָטעמיזם זאָל אָנגערופען ווערען אַ רעליגיע. עס האָט אייניגע פאַרבינדונגען מיט די שפּעטערדיגע גאָט־רעליגיעס; די טאָ־טעם חיות ווערען די הייליגע חיות פון די געטער; און די פריעסטע, און

די גרינדליכסטע, מאָראַלישע פאַרבאָטונגען—די מאָרד פאַרבאָטונג און די גלוי עריות פאַרבאָטונג—שטאַמען אָפּ פון טאָטעמיזם. צו דו נעמסט אָן די בעשליסע פון „טאָטעם אונד טאַבאָ צו ניין, האָף איך אַז דו וועסט צו געבען אַז אין יענעם בוך זיינען אַ צאָל פון זעהר מערקווירדיגע אָפּגעזונדערטע פאַקטען צוזאַמען געבראַכט אין אַ באַשטעהענדען גאַנצען.

פאַר וואָס האָט אַ חיה־גאָט בהמשך הזמן ניט באַפרידיגט און פאַר וואָס איז זי פאַרביטען געוואָרען פאַר אַ מענשליכען—דאָס איז קוים דיסקוטירט געוואָרען אין „טאָטעם אונד טאַבו", אויך אַנדערע פראָבלעמען פון דער פאָרמירונג פון רעליגיע ווערען דאָרט אינגאַנצען ניט דערמאָנט. אָבער נעמסטו אָן אַזאַ באַגריינצונג צו זיין דאָס זעלבע וואָס אַן אָפּלייקענונג? מיין ווערק איז אַ גוטער ביישפּיל פון דער שטרייננגער אָפּגעזונדערטקייט פון דעם טייל וואָס די פּסיכאָאַנאַליטישע באַאָבאַכטונג קאָן ביישטייערען צו דעם פּראָבלעם פון רעליגיע. ווען איך פּרוביר איצט צו צוגעבען צו דעם דעם אַנדערען, ניט אַזוי טיף פאַרבאָרגענעם, טייל, זאָלסטו מיך ניט באַשולדיגען אין ווידערשפּרעכונג, פּונקט ווי איך בין פריהער געווען באַשולדיגט אין זיין איינזייטיג. עס איז געוויינטליך מיין ענין אָנצודייטען די באַהעפטענדע רינגען צווישען דעם וואָס איך האָב פריהער געזאָגט און וואָס איך האָב איצט אַרויסגעבראַכט, צווישען דער פאַרבאָרגענער און דער עפענטליכער מאָטיווירונג, צווישען דעם פאָטער קאָמפּלעקס און דעם מענשענס הילפלאָזיגקייט און נויטווענדיגקייט פאַר באַשיצונג.

דיזע פאַרבינדונגען זיינען ניט שווער צו געפינען. זיי באַשטעהען אין דער באַציהונג פון דעם קינדס הילפלאָזיגקייט צו דער ערוואַקסענעמס פאָרטזעצונג פון דעם, אַזוי אַז, ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען, די פּסיכאָ־אנאליטישע מאָטיווירונג פון דער פאָרמירונג פון רעליגיע דרעהט זיך אום צו זיין דעם קינדס ביישטייערונג צו איר עפענטליכער מאָטיווירונג. לאָמיר פאָרשטעלען צו זיך אַליין דאָס גייסטיגע לעבען פון דעם קליינעם קינד. דו געדיינקסט דעם געוועהלטען־אָביעקט לויט דעם אנאַליטישען טיפּ, ווענען וועלכען די פּסיכאָ־אנאַליז רעדט? די תאות הניאוף* פאָלגט די ווענען פון נאַרסיסיסטישע נויטווענדיגקייטען, און בינדט זיך זעלבסט צו צו די אָביעקטען וועלכע פאַרזיכערן זייער באַפרידיגונג. און אַזוי ווערט די מוטער, וועלכע שטילט דעם הונגער, דער ערשטער ליבע־אָביעקט, און

*In the English translation: The Libido, Sex Craving.

געווים אויך דער ערשטער באַשיצער געגען אַלע אומבאַשטימטע און סטראַ־שענדע געפאַרען פון דער אויסערער וועלט; ווערט, אויב מיר קאָנען דאָס אַזוי אויסדריקען, דער ערשטער באַשיצער געגען אַנגסט.

אין דיזער פונקציע ווערט די מוטער באַלד פאַרביטען ביי דעם שטאַר־קערן פאָטער, און דיזער צושטאַנד האַלט אַן פון איצט אָן איבער דער גאַנ־צער קינדהייט. אָבער די באַציהונג צו דעם פאָטער איז אַפעקטעט ביי אַ זאָנדערבאַרער צווייִדייטיגקייט. ער איז געווען אַליין אַ געפאַר, פיללייכט גראַדע איבער יענער פריערדיגער באַציהונג צו דער מוטער; דאַרום איז ער געפורכטעט ניט ווייניגער ווי מען בייגקט נאָך אים און מען באַוואונ־דערט אים. די אַנדייטונגען פון דיזער צווייִדייטיגקייט זיינען טיף איינ־געקריצט אין אַלע רעליגיעס, ווי עס איז אַרויסגעבראַכט אין „טאָטעם אונד טאַבו". אצינד ווען דאָס קינד וואַקסט אויס און געפינט אַז ער איז פאַר־אורטיילט צו פאַרבלייבען אַ קינד אויף אימער, און אַז ער קאָן קיינמאָל ניט אויסקומען אָהן באַשיצונג געגען די אונבאַוואוסטע און שטאַרקע כוחות, ער שליסט דיזע איין מיט די שטריכען פון דעם פאָטער־פיגור; באַ־שאַפט ער פאַר זיך די געטער, פאַר וועלכע ער האָט מורא, וועמען ער זוכט צו מאַכען גנעדיג, און צו וועמען ער פאַרטרויעט פונדעסטוועגען די אויפ־גאַבע אים צו באַשיצען. אַזוי אַרום איז די ביינקונג־נאָך־דעם־פאָטער־דערקלערונג דאָס זעלביגע ווי די אַנדערע, די נויטווענדיגקייט פאַר באַ־שיצונג געגען די פאָלגען פון דער מענשליכער שוואַכקייט; דעם קינדס פאַרטיידיגונגס רעאַקציע צו זיין הילפלאָזיגקייט גיט די כאַראַקטעריסטישע שטריכען צו דער ערוואַקסענעמס רעאַקציע לויט זיין פאַרשטאַנד פון הילפלאָזיגקייט, ד. ה. דאָס פאָרמירען פון רעליגיע. אָבער עס איז ניט אונזער אַבזיכט נאָכצופאָלגען ווייטער די אַנטוויקלונג פון דער אידייע פון גאָט; מיר זיינען דאָ פאַראינטערעסירט מיט דער פאַרטיגער זאַמלונג פון די רעליגיעזע אידייען ווי די קולטור גיט זיי איבער צו דעם איינ־דיווידועל.

פינפטער קאַפיטעל

יעצט צו אויפנעמען נאָכאַמאָל די פעדים פון אונזער פאָרשונג : וואָס איז די פסיכאָלאָגישע וויכטיגקייט פון די רעליגיעזע אידייען און ווי אַזוי קאָנען מיר זיי קלאַסיפיצירען? די פראַגע איז פון אָנפאַנג ניט זעהר לייכט צו ענטפערען. האָבענדיג צוריק געוואָרפען פאַרשיידענע פאָרמולעס, וועל

איך זיך אָפּשטעלען ביי דיזער איינער: די רעליגיע באַשטעהט פון גע־וויסע דאָגמעס, באַהויפּטונגען וועגען פאַקטען און אומשטענדען פון אויסערער (אָדער אינערליכער) ווירקליכקייט, וועלכע דערציילען אימיצען עטוואָס וואָס מען האָט אַליין ניט אַנטדעקט און וועלכע פאָדערן אַז מען זאָל אין זיי גלויבען. ווייל זיי געבען אונז אינפאָרמאַציע וועגען זאַכען וועלכע זיינען צו אונז די אינטערעסאַנטסטע און וויכטיגסטע אין לעבען, זיינען זיי באַזונדערס הויך געשעצט. דער, וועלכער ווייסט גאָר ניט פון זיי, איז ווירקליך אונוויסענד, און דער וועלכער האָט זיי אַסימילירט קאָן זיך באַטראַכטען באַרייכערט.

עס זיינען געוויינטליך פאַראַן פיעלע אַזעלכע דאָגמעס וועגען די פאַרשיידענסטע זאַכען פון דיזער וועלט. יעדער שול שטונדע איז פול מיט זיי. לאָמיר אויסקלייבען געאָגראַפיע. מיר הערען דאָרט: קאָנסטאַנץ איז אויף דער באָדענזעע, זינגט אוים אַ שילער, אויב דו גלויבסט ניט געה און זעה. מיר האָט זיך געטראָפען צו זיין דאָרט, און איך קאָן באַשטעטיגען דעם פאַקט אַז דיזע שעהנע שטאָדט ליגט אויף דעם ברעג פון אַ גרויסער שטרעקע וואַסער, וועלכע אַלע איינוואוינער פון אַרום רופען באָדענזעע. איך בין איצט פולשטענדיג איבערצייגט אין דער פונקטליכקייט פון דיזען געאָגראַפישן סטייטמענט. און אין דיזער פאַרבינדונג דערמאָן איך זיך פון אַן אַנדערער זעהר מערקווירדיגער דערפאַהרונג. איך בין שוין געווען אַ מאַן אין די צייטיגע יאָרען ווען איך בין צום ערשטען מאָל געשטאַנען אויף דעם באַרג פון אַטהענער אקראָפּאָלים, צווישען די רואינען פון די טעמפּלען, אַרויסקוקענדיג אויף דעם בלויען ים. אַ געפיהל פון ערשטוי־נונג האָט זיך אויסגעמישט מיט די פון מיין פאַרגעניגען וועלכער האָט מיך געטרייצט צו זאָגען: דאָן איז דאָס ווירקליך אמת, וואָס מען פלעגט אונז לערנען אין שולע! ווי אויבערפלעכליך און שוואַך האָט אין יענע צייטען געמוזט זיין מיין גלויבען אין דעם ווירקליכען אמת פון דעם וואָס איך האָב געהערט ווען איך קאָן היינט אַזוי דערשטוינט ווערען! אָבער איך וויל ניט צופיל עמפאַסייזען די וויכטיגקייט פון דיזער דערפאַהרונג; דאָך איז מעגליך אַן אַנדער דערקלערונג פון מיין ערשטוינונג, וועלכע איז מיר דאַן ניט איינגעפאַלען, און וועלכעס איז אין גאַנצען פון אַ סוביעקטיוון נאַטור און איז פאַרבונדען מיט דעם זאָנדערבאַרען כאַראַקטער פון דעם פּלאַץ.

אַלע אַזעלכע דאָגמעס ווי דיזע, דאָן, פינקטליכער גלויבען אין זייער אינהאַלט, אָבער ניט אָהן דעם באַריכטיגען זייער טיטול צו דיזען. זיי באַהויפּטען אַז זיי זיינען דער קאָנדענסירטער רעזולטאַט פון אַ לאַנגען

פּראָצעס פון דיינקען, וועלכער איז באַגרינדעט אויף באָאָבאַכטונגען און אויך, געוויס, אויף דעם דיינקען; זיי ווייזען ווי אַזוי, אויב מען באָאָבאַכ־טעט עס, מען קאָן אַליין דורכגעהן דיזען פּראָצעס, אַנשטאָט אָנצונעמען דעם רעזולטאַט דערפון; און דער שורש פון דעם וויסען וועלכער ווערט מיטגעטיילט ביי דער דאָגמאַ איז אימער בייגעלעגט, דאָרט ווי עס איז ניט, ווי מיט דעם געאָגראַפישען סטייטמענט, אויגענשיינליך. צום ביישפּיל: די ערד איז געפורמט ווי אַ קוגעל; די באַווייזע וועלכע ווערן אָנגעגעבען פאַר דעם זיינען „פאָוקאָלטס" עקספּערימענט פון דעם פּערפּענדיקעל, די פענאָמענאָ פון דעם האָריזאָנט און די מעגליכקייט פון אַרום רייזען די ערד. זינט דאָס איז אומפּראַקטיש, ווי אַלע באַגרייפען עס, צו שיקען יעדער שול קינד אויף אַ רייזע אַרום דער וועלט, איז מען צופרידען צו פאַרלאָזען זיך אויף דער שול לעהרע, אָבער מען ווייסט אַז דער וועג צו פערזענליכער איבערצייגונג איז נאָך אָפען.

לאָמיר פּרובירען צו אָנווענדען די זעלבע פּראָבען צו די דאָגמעס פון רעליגיע. ווען מיר פרעגען אויף וואָס איז געגרינדעט זייער פאָדערונג געגלויבט צו ווערען, באַקומען מיר דריי ענטפערס, וועלכע האַרמאָנירען מערקווירדיג שלעכט איינער מיט דעם צווייטען. זיי פאַרדינען מען זאָל אין זיי גלויבען: ערשטענס, ווייל אונזערע ערשטע אור־עלטערן האָבען שוין געגלויבט אין זיי; צווייטענס, ווייל מיר באַזיצען באַווייזע, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו אונז פון דיזע זעלבע אַלטערטימליכע פעריאָדען; און דריטענס, ווייל עס איז אין גאַנצען פאַרבאָטען אויפצוהויבען די פראַגע פון זייער עכטהייט. אַמאָל איז אַזאַ געוואַגטער טאַט זעהר באַשטראָפט געוואָרען, און זאָגאַר היינט איז די געזעלשאַפט ניט גערן צו זעהן אימיצען דאָס צו באַנייען.

דיזער דריטער פונקט מוז אַרויסרופען אונזער שטאַרקסטען פאַר־דאַכט. אַזאַ פאַרבאָטונג קאָן געוויס האָבען בלויז איין מאָטיוו: אַז די געזעלשאַפט ווייסט זעהר גוט דעם אומבאַשטעטיגטען גרונד פון דער פאָ־דערונג וואָס זי מאַכט פאַר אירע רעליגיעזע דאָקטרינען. וואָלט דאָס אַנדערש געווען, וואָלט מען זעהר גערן פאַרגעלייגט דעם באַטרעפענדען מאַטעריאַל פאַר דער אָנווענדונג צו יעדען איינעם וואָס וואָלט דאָס נאָר פאַרלאַנגען צוליב אייגענער איבערצייגונג. און אַזוי זעצען מיר פאָרט צו פּרובירען די אַנדערע צוויי אַרגומענטען מיט אַ געפיהל פון אומצוטרויען וועלכען מען קאָן ניט אַזוי לייכט איינשטילען. מיר האָבען באַדאַרפט גלויבען ווייל אונזערע אור־עלטערן האָבען געגלויבט. אָבער דיזע אור־

עלטערן אונזערע זיינען דאָך געווען נאָך פיל מער אומוויסענד ווי מיר; זיי האָבען געגלויבט אין זאַכען וועלכע מיר וואָלטען היינט בשום אופן ניט אָנגענומען; און אַזוי ערשיינט די מעגליכקייט אַז די רעליגיעזע דאָקטרינען קענען אויך זיין אין דיזער קאַטעגאָריע. די פּרואוּוען וועלכע זיי האָבען אונז איבער געלאָזט בירושה זיינען אַריין געלייגט אין שרייבעכצען וועלכע טראָגען אַליין אַלע שפּורען פון אומטרויסטווירדיקייט. זיי זיינען פול מיט ווידערשפּרעכונגען, רעוויזיעס און אַריינשטעלונגען; דאָרט וואו זיי ריידען פון אַקטועלע עכטע פּרואוּוען זיינען זיי זעלבסט פון צווייפעל־האַפטער עכטהייט. עס עהלפט ניט פול ווען אַפּילו אַ היילגע אַנטפּלעקונג איז באַהויפּטעט צו זיין דער אורשפּרונג פון זייער טעקסט אָדער נאָר פון זייער אינהאַלט, ווייל דיזע באַהויפּטונג איז זעלבסט שוין אַ טייל פון יענע דאָקטרינען וועמעס עכטהייט דאַרף עקזאַמינירט ווערען. און קיין סטייטמענט קאָן טראָגען זיין אייגענע באַווייזע.

און אַזוי קומען מיר צו דעם איינציגען באַשלוס אַז גראַדע דאָס וואָס וואָלט געקאָנט זיין פאַר אונז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט אין אונזער קולטורעלען סיסטעם, די אינפאָרמאַציע וועלכע זאָל לייזען פאַר אונז די רעטעניזשען פון דעם אוניווערס און וועלכע זאָלען אונז ברייגנען אין האַרמאָניע מיט די פּלאַגען פון דעם לעבען, אַז גראַדע דיזעס האָט די שוואַכסטע מעגליכע פאָדערונג פאַר עכטהייט. מיר זאָלען ניט זיין פעהיג אָנצונעמען פאַר באַווייזע יעדער זאַך וואָס איז פון קליינעם אינטערעס צו אונז ווי דער פאַקט אַז וואַלפיש געבוירען זייערע קינדער אַנשטאַט לייגען אייער, אויב עס איז ניט מעגליך צו ברייגנען בעסערע באַווייזע ווי דיזע.

דיזער שטאַנד פון זאַכען איז אַן און פאַר זיך אַ זייער מערקווירדיגער פּסיכאָלאָגישער פּראָבלעם. זאָל קיינער ניט דיינקען אַז די ביז איצטיגע באַמערקונגען וועגען דער אוממעגליכקייט צו פּרואוּוען די רעליגיעזע דאָקטרינען ענטהאַלטען עטוואָס נייעס. עס האָט זיך געפילט אין אַלע צייטען, זיכער אַפּילו ביי די אור־עלטערן וועלכע האָבען אונז איבער געלאָזט דיזע צוואה. ווארשיינליך האָבען זיך פיל פון זיי אַרומגעטראָגען מיט די זעלבע ספקות ווי מיר, אָבער דער דרוק וואָס איז געווען אַרויפגעלייגט אויף זיי איז געווען צו שטאַרק פאַר זיי צו האָבען געוואַגט אַרויס רעדען זיי. און זינט דאַן זיינען שוין אומצעליגע מענשען געווען געמאַטערט ביי די זעלבע ספקות, וועלכע זיי וואָלטען גערן אונטערדריקט ווייל זיי האָבען זיך געהאַלטען פאַרפליכטעט צו גלויבען, און זינט דאַן זיינען

פיל ברילאַנטענע אינטעלעקטען צובראָכען געוואָרען אויף דיזען קאָנפליקט און פילע כאַראַקטערען זיינען צו שמערץ געקומען איבער די קאָמפּראָמיסען דורך וועלכע זיי האָבען געזוכט אַן אויסוועג.

אויב די אַלע אַרגומענטען וועלכע זיינען פאָרגעבראַכט פאַר דער עכטהייט פון די רעליגיעזע דאָקטרינען שטאַמען אָפּ פון דער פאַרגאַנגענ־הייט, איז דאָס נאַטירליך מען זאָל זיך אַרום קוקען און זעהן אויב די געגענ־וואַרט, וועלכע איז בעסער פעהיג צו אורטיילען וועגען דיזע אַנגעלעגענ־הייטען קאָן אויך ניט צושטעלען אַזעלכע באַווייזע. דער גאַנצער רעלי־גיעזער סיסטעם וואָלט ווערען אונענדליך מער גלויבענסווירדיג ווען עס זאָל זיך איינגעבען דורך דיזען וועג אַראָפּ צו נעמען דעם עלעמענט פון צווייפעל כאָטש פון אַ טייל פון אים. עס איז ביי דיזען פּונקט ווי די אַקטיוויטעט פון די ספּירּיטואַליסטען קומט אריין; זיי זיינען איבערצייגט אין דער אונשטערבליכקייט פון דער אינדיווידועלער נשמה, און זיי וואָלטען דעמאָנסטרירען צו אונז אַז דיזער איינער אַרטיקעל פון דער רעליגיעזער לערע איז פריי פון צווייפעל. אונגליקליכערווייזע האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען אָפּ צו לייקענען דעם פאַקט אַז די דערשיינונגען און די שפּרעכונגען פון זייערע גייסטער זיינען בלויז די פּראָדוקטען פון זייער אייגענער גייסטיגער אַקטיוויטעט. זיי האָבען אַרויס גערופען די גייס־טער פון די גרעסטע מענשען פון די מערסט באַוואוסטע דיינקער, אָבער אַלע זייערע אויסשפּרעכונגען און די גאַנצע אינפאָרמאַציע וואָס זיי האָבען געקראָגען פון זיי זיינען געוועזן אַזוי נאַריש און אַזוי פאַרדאַמט אומוויכטיג דאָס מען האָט עפּעס אַנדערש ניט געקאָנט געפינען אין וואָס צו גלויבען ווי נאָר די אייגענשאַפט פון די גייסטער פאַר זייער צופּאַסען זיך צו דעם קרייז פון די לייטע וואָס האָבען זיי אַרויסגערופען.

מען מוז איצט דערמאָנען צוויי פאַרזוכען צו אויסווייכען דעם פּראָב־לעם,ביידע וועלכע טראָגען דעם איינדרוק פון וואהנזיניגער אָנשטריינ־גונג. איינער פון זיי, געוואַלדיג אין זיין נאַטור, איז אַלט; דער צווייטער איז ביטרע און מאָדערן. דער ערשטער איז די „קרעדאָ קוויאַ אַבסאָרדום" פון דעם פאַרצייטיגטען פאָטער. דאָס מיינט צו באַדייטען אַז די רעלי־גיעזע דאָקטרינען זיינען אויסער דער מאַכט פון פאַרשטאַנד; זיי שטעהן למעלה מן השכל. זייער אמת מוז געפילט ווערען אינערליך: עס איז גאָר ניט נויטיג זיי צו באַגרייפען. אָבער דיזער „קרעדאָ" האָט נאָר אַ באַדייט אַלס אַ פּרייוויליגע גלויבענס אַנערקענונג; אַלס אַ באַפעל האָט

דאָס קיין בינדענדע מאַכט. מוז איך זיין פארפליכטעט צו גלויבען יעדער אבסורד? און אויב ניט, פאַר וואָס גראַדע אין דיזען איינעם? עס איז ניטאָ צו ווענען צו אפּעלירען אויסער דעם פאַרשטאַנד. און אויב דער אמת פון די רעליגיעזע דאָקטרינען איז אָפּהענגיג פון אַן אינערליכער ער־פאַהרונג וועלכע טראָגט דאָס עדות צו יענעם אמת, וואָס זאָל מען דאַן מאַכען פון די פיעלע לייטע וועלכע האָבען ניט די זעלטענע דערפאַהרונג? מען קאָן ערוואַרטען אַז אַלע מענשען זאָלען נוצען די מתנה פון פאַר־שטאַנד וועלכע זיי באַזיצען, אָבער מען קאָן ניט אַוועקשטעלען אַ פאַר־פליכטונג וואָס זאָל אָנגעווענדעט ווערען פאַר אַלעמען אויף אַ גרונד וואָס עקזיסטירט בלויז פאַר איינינגע. פון וואָס פאַר אַ וויכטיגקייט איז דאָס פאַר אַנדערע לייטע דאָס וואָס דו האָסט געוואונען פון אַ באַגייסטערטען צושטאַנד, וועלכער האָט דיך טיעף גערירט, אַן אומצושטרייטבאַרע איבער־צייגונג פאַר דעם ווירקליכען אמת פון די רעליגיעזע דאָקטרינען?

דער צווייטער פאַרזוך איז דער פון דער פילאָסאָפיע פון „אַלס ווען מיר וואָלטען“. דאָס דערקלערט אַז אין אונזער גייסטיגער טעטיגקייט נעמען מיר אַן אַלע אויפפירונגען פון זאַכען, דאָס אָהן באַגרינדעטע, און צו מאָל דאָס נאַרישסטע, פון וועלכע מיר רעאַליזירען פולשטענדיג. זיי ווערען אָנגערופען „פיקשאַנס“, אָבער פון פאַרשיידענע פראַקטישע מאָ־טיוועך ווערען מיר געפירט צו באַנעמען זיך „אַלס ווען מיר וואָלטען“ געגלויבט אין דיזע פיקציעס. דיזעס, ווערט אַרגומענטירט, איז דער פאַל מיט רעליגיעזע דאָקטרינען, צוליב זייער אונפאַרגלייכבאַרער וויכטיגקייט פאַר דער דערהאַלטונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. דיזער אַרגו־מענט איז ניט ווייט אַוועק פון דער "קרעדאָ קוויאַ אַבסאָרדום“. אָבער איך דיינק אַז די פאָדערונג פון דער פילאָסאָפיע „אַלס ווען מיר וואָלטען“ איז עטוואָס אַזוינס וואָס נאָר אַ פילאָסאָף האָט געקאָנט מאַכען. דער מענש וועמעס דיינקען איז ניט באַאיינפלוסט ביי דער כיטראָסט פון דער פילאָ־סאָפיע וועט קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד דאָס אָנצונעמען; מיט דער אַנערקענונג פון דער נאַרישקייט, און אומלאָגישקייט איז וועגען זיין אָמ־באַטרעף דאָרט מער ניטאָ וואָס צו זאָגען. מען קאָן איהם ניט ערוואַרטען אָפּצוגעבען די גאַראַנטיעס וועלכע ער פאָדערט פאַר אַלע זיינע געוויינליכע טעטיגקייטען צוליב דער אַנגעלעגענהייט פון זיינע וויכטיגסטע אינ־טערעסען. עס דערמאָנט מיך וועגען איינעם פון מיינע קינדער וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין די יונגע יאָרען מיט אַ באַזונדערען פיינעם חוש פאַר ווירקליכקייט. ווען מען פלעגט די קינדער דערציילען אַ צויבער

מעשה צו וועלכער זיי האָבען זיך איינגעהערט מיט פארכאפטער אויפ־מערקזאמקייט, פלעגט ער ארוים קומען און פרעגען: איז דאָס אן אמת'ע געשיכטע? און ווען מען האָט אים געענטפערט אז ניין, פלעגט ער אוועק געהן מיט א מינע פון פאראכטונג. עס איז צו ערווארטען אז די מענשען וועלען זיך אין גיכען אויפפירען אין זעלביגען שטייגער געגען די רעלי־גיעזע צויבער געשיכטעס, להכעיס דער קולטור פון דער פילאָסאָפיע פון „אלס ווען מיר וואָלטען".

אָבער אין דער געגענווארט פירען זיי זיך נאָך אויף גאנץ פארשיידען, און אין די פארגאנגענע יאָרען, און צופליים אויף זייער אומווידערשפּרעכ־ליכען מאנגעל פון עכטהייט, האָבען די רעליגיעזע אידייען אויסגעאיבט דעם שטארקסטען איינפלוס אויף דער מענשהייט. דאָס איז א פרישער פסיכאָלאָגישער פּראָבלעם. מיר מוזען פרעגען, וואו ליגט די נאטירליכע שטארקייט פון דיזע דאָקטרינען און צו א וואָסערע אומשטענדען זיינען זיי פארפליכטעט פאר זייער ווירקענדער מאכט, אומאָפּהענגיג, ווי זי איז, פון דער אנערקענונג פון דעם שכל.

זעקסטער קאפיטעל

איך דיינק מיר האָבען שוין גענוג צו געגרייט דעם וועג פאר דעם ענטפער צו דיזע ביידע פראגען. עס וועט געפונען ווערען ווען מיר וועלען אנריכטען אונזער אויפמערקזאמקייט אויף דעם פסיכישען אורשפּרונג פון די רעליגיעזע אידייען. דיזע, וועלכע ערקלערען זיך צו זיין דאָגמאס, זיינען ניט דער אָבזאץ פון דערפאהרונג אָדער דער ענדליכער רעזולטאט פון רעפלעקציע; זיי זיינען אילוזיעס, ערפילונגען פון די עלטסטע, שטארק־סטע און דרינגענדסטע וואונשען פון דער מענשהייט; דער סוד פון זייער שטארקייט איז די שטארקייט פון דיזע וואונשען. מיר ווייסען שוין אז דער ערשרעקענדער עפּעקט פון דער קינדערשער הילפלאָזיגקייט האָט ארויס גערופען די נויטווענדיגקייט פאר באשיצונג—באשיצונג דורך ליבע—וועלכעס דער פאָטער האָט באפרידיגט, און אז די אנטדעקונג אז דיזע הילפלאָזיגקייט וועט אָנהאלטען דורך דעם גאנצען לעבען האָט עס געמאכט פאר נויטווענדיג מען זאָל זיך אָנקלעפּען צו דער עקזיסטענץ פון א פאָטער—אָבער דאָס מאָל א מער מעכטיגען. און אזוי ארום טוט דער וואוילטעטיגער געזעץ פון דער הייליגער השגחה לינדערן אונזער

אנגסט אין דעם אנזעהן פון די לעבענס געפאהרען, די איינריכטונג פון א מאראלישער וועלט ארדנונג פארזיכערט דאס ערפילען פון די פאדערונגען פון דער גערעכטיגקייט, וועלכע זיינען אזוי אפט געבליבען אונערפילט אין דער מענשליכער קולטור, און דאס פארלייגנגערען פון דעם אירדישען עקזיסטענץ דורך אן עולם הבא פארזאגט אין צוגאב די לאקאלע און צייטליכע באשטימונג פאר דיזע וואונש־ערפילונגען. ענטפערס צו די פראגען וואס רעגען די מענשליכע נייגירדע, אזעלכע ווי דער אורשפרינג פון דעם אוניווערס און די באציהונג צווישען קערפער און נשמה, זיינען אנטוויקעלט אין צוזאמענקלאנג מיט די שטיצענדע השערות פון דיזען סיסטעם; עס באדייטעט א גרויסע ערלייכטערונג פאר דער אינדיווידועלער פסיכיק ווען זי איז באפרייט פון די קאנפליקטען פון קינדהייט וואס וואקסען ארויס פון דעם פאטער־קאמפלעקס, וועלכע מען קען קיינמאל ניט גענצליך איבערקומען, און ווען מען קאן אריינברייגנען אין דיזע קאנפליקטען אן אלגעמיינע אנגענעמענע ערקלערונג.

ווען איך זאג אז זיי זיינען אילוזיעס, מוז איך דערקלערען די מיינונג פון דעם ווארט. אן אילוזיע איז ניט דאס זעלבע וואס א טעות. אריסטאטעלס גלויבען אז ווערים אנטוויקלען זיך פון שמוץ, און וועלכעס אונוויסענדע לייטע האלטען נאך איצט פאר ריכטיג, איז געווען א טעות; אזוי איז אויך געווען דאס גלויבן פון די דאקטוירים פון א פריערדיגען דור אז „טאבעס דארסאלים"* איז געווען דער רעזולטאט פון צופיל ניאוף. עס וואלט זיין אונריכטיג צו רופען דיזע טעות'ן אילוזיעס. ווידער אין דער אנדערער זייט, עס איז געווען אן אילוזיע אויף קאלומבוסעס זייט אז ער האט אנטדעקט א נייעם ים וועג צו אינדיע. די ראלע וואס זיין וואונש האט געשפילט אין דיזען טעות איז גאנץ קלאר. מען קאן אויך צו שרייבען צו אן אילוזיע דעם סטייטמענט פון געוויסע נאציאנאליסטען אז די אינדא־גערמאנישע ראסע איז די איינציגע וואס איז פעהיג אויף קולטור, אדער דאס גלויבען, וועלכעס נאר די פסיכא־אנאליז האט צושטערט, אז א קינד איז א וועזען אהן געשלעכטליכקייט. עס איז כאראקטעריסטיש פון דער אילוזיע דאס זי שטאמט אפ פון מענשליכע וואונשען; אין דיזען רעספעקט דערנעהנטערט זי זיך צו דער פסיכיאטרישער דילוזיע,

*Tabes Dorsalis. Degeneration of the posterior column of the spinal cord, giving rise to ataxia.

אָבער מען מוז זי אונטערשיידען פון דיזער, גאַנץ אָפּגעטיילט פון דער מער קאָמפּליצירטער סטרוקטור פון דער לעצטער. אין דער דילוזיע באַטאָנען מיר אַלס וויכטיג דעם קאָנפליקט מיט דער ווירקליכקייט; די אילוזיע אָבער מוז ניט נויטווענדיג זיין פאַלש, דאָס מיינט צו זאָגען, אונפאַרווירקליכבאַר אָדער אונפּאַראייַנבאַר מיט דער ווירקליכקייט. צום ביישפּיל, אַן אָרעמע מיידעל קאָן האָבען אַן אילוזיע אַז אַ פּרינץ וועט קומען, וועט זי אויסכאַפּען און אַוועקטראָגען אַהיים. עס איז מעגליך; אייניגע אַזעלכע פאַלען האָבען פּאַסירט. אַז דער משיח וועט קומען און געפונען אַ גאָלדענע צייט איז פיל וויניגער וואַרשיינליך; לויט אימיצענס פּערזענליכער שטעלונג וועט מען קלאַסיפיצירען דיזען גלויבען אויף אַן אילוזיע אָדער אויף אַן עהנליכקייט צו אַ דילוזיע. ביישפּילע פון אילוזיעס וועלכע זיינען אין אמת'ן געקומען איז ניט לייכט צו אַנטדעקען, אָבער די אילוזיע פון דעם אַלכעמיקער אַז אַלע מעטאַלען קענען פאַרוואַנדעלט ווערען אויף גאָלד קאָן זיך גראָדע אַרויסצייגען צו זיין איינע. דער וואונש צו האָבען פיל געלד, אַזוי פיל ווי מעגליך, איז באַדייטענט פאַרקלענערט געוואָרען דורך אונזער מאָדערנעם איינבליק אויף דעם כאַראַקטער פון רייכקייט, דאָך באַטראַכטען ניט מער די כעמיקער די פאַרוואַנדלונג פון מעטאַלען אויף גאָלד פאַר אַן אוממעגליכקייט. און אַזוי רופען מיר אַ גלויבען אַן אילוזיע ווען דער וואונש-ערפילונג איז אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין זיין מאָטיווירונג, פאַראַכטענדיג זיינע באַציהונגען צו דער ווירקליכקייט, פּונקט ווי די אילוזיע אַליין טוט.

אויב נאָך דיזען איבערבליק קערען מיר זיך נאָכאַמאָל אום צו די רעליגיעזע דאָקטרינען, קאָנען מיר ווידערהאָלען אַז זיי זיינען אַלע אילוזיעס, זיי לאָזען ניט צו קיין פּרואוו, און קיינער קאָן ניט זיין געצוואונגען צו באַטראַכטען זיי פאַר אמת'ע אָדער צו גלויבען אין זיי. אייניגע פון זיי זיינען אַזוי אומוואַרשיינליך, אַזוי אומפּאַראייַנבאַר מיט יעדער זאַך וואָס מיר האָבען מיזאַם אַנטדעקט וועגען דער ווירקליכקייט פון דער וועלט, דאָס מיר קאָנען זיי פאַרגלייכען—נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט די פּסיכאָלאָגישע פאַרשידענהייטען—צו דילוזיעס. פון דער ווירקליכקייטס ווערט פון די מערסטע פון זיי קאָנען מיר ניט אורטיילען, פּונקט ווי מען קאָן זיי ניט פּרואווען, אַזוי אויך קאָן מען זיי ניט אָפּלייקענען. מיר ווייסען נאָך אַלץ צו ווייניג אום צו צוטרעטען צו זיי קריטיש. די רעטעניישען פון דעם אוניווערס אַנטדעקען זיך נאָר לאַנגזאַם צו אונזער פאָרשונג, צו פילע פראַגען קאָן נאָך די וויסענשאַפט אַלץ ניט געבען קיין

ענטפער; אָבער וויסענשאַפטליכע אַרבייט איז אונזער איינציגער וועג צו דעם וויסען פון אויסערליכער ווירקליכקייט, עס איז בלויז אַן אילוזיע צו ערוואַרטען עפּעס פון אינטואיציע אָדער באַגייסטערונג; זיי קאָנען אונז געבען בלויז איינצעלהייטען, וועלכע זיינען שווער צו דערקלערען, וועגען אונזער אייגענעם גייסטיגען לעבען, אָבער קיינמאָל ניט קיין אינפאָרמאַציע וועגען די פראַגען וואָס ווערען אַזוי לייכט פאַרענטפערט ביי די דאָקטרינען פון דער רעליגיע. עס וואָלט זיין לייכטזיניג צו לאָזען דעם אייגענעם ווילקירליכען טאַט אויס צו פילען די עפענונג, און לויט אייגענער פּערזענליכער אָפּשאַצונג דערקלערען דיזען אָדער יענעם טייל פון דעם רעליגיעזען סיסטעם צו זיין מער אָדער ווייניגער אָננעמבאַר. דיזע פראַגען זיינען צו וויכטיג דערפאַר; צו הייליג קאָן מען זאָגען.

ביי דיזען פּונקט קאָן אָנגעווענדט ווערען: גוט, דאַן, אויב זאָגאַר די בייזע צווייפלער געבען צו אַז די מיטטיילונגען פון דער רעליגיע קאָנען ניט צוריקגעוויזען ווערען ביים שכל, פאַר וואָס זשע זאָל איך ניט גלויבען אין זיי, זינט זיי האָבען אַזוי פיל אויף זייער זייט—טראַדיציע, דאָס געמיינשאַפטליכקייט פון דער מענשהייט, און אַלע טרויסטען וואָס זיי ברייגגען? געוויס, וואָרום ניט? פּונקט ווי מען קאָן ניט זיין געצוואונגען צום גלויבען, אַזוי אויך קאָן מען ניט זיין געצוואונגען צום אומגלויבען. אָבער נאָר זיך זעלבסט ניט אָפּ מיט דעם דיינקען אַז מיט אַזעלכע אַרגומענטען פאָלגסטו נאָך דעם וועג פון קאָרעקטען דיינקען. אויב עס איז אַמאָל געווען אַ פאַל פון בויגזאַמע אַרגומענטען, איז דאָס דער פאַל. אומוויסענהייט איז אומוויסענהייט; קיין רעכט צו גלויבען אין עפּעס איז דערפון ניט אַרויסגעקומען. קיין פאַרשטענדיגער מענש וועט זיך ניט אויפפירען אַזוי לייכטזיניג אין אַנדערע אַנגעלעגענהייטען אָדער וועט זיך צופרידען שטעלען מיט אַזעלכע גרונדען פאַר זיינע מיינונגען אָדער פאַר דער שטעלונג וואָס ער אַדאַפּטירט; עס איז נאָר אין די העכסטע און הייליגסטע זאַכען וואו ער ערלויבט דאָס. אין ווירקליכען זיינען דיזע בלויז פאַרזוכן אָפּצונאַרען זיך זעלבסט אָדער אַנדערע לייטע אויף צו גלויבען אַז מען האַלט זיך נאָך שטאַרק אָן אין דער רעליגיע, אין דער צייט ווען מען האָט זיך שוין לאַנג לויז געמאַכט פון איר. וואָס אַנבעלאַנגט די פראַגען וועגען רעליגיע זיינען די לייטע שולדיג פאַר יעדען מעגליכען סאָרט פון אומאויפריכטיגקייט און אינטעלעקטועלער געמיינער אויפפירונג. פילאָסאָפען שטרעקען אויס די מיינונג פון ווערטער ביז זיי אַנטהאַלטען קוים עטוואָס פון זייער אָריגינעלער באַדייטונג; מיט דעם אָנרופען „גאָט“ עפּעס אַ מאָדנע אַבסטראַקציע

װעלכעס זיי האָבען באַשאַפען פאַר זיך זעלבסט. פּאָזירען זיי אַלס דעאיסטען, אַלס גלויביגע, פאַר דער וועלט; זיין טוען זיך זאָגאַר באַריהמען מיט דער דערגרייכונג פון אַ העכערער און ריינערער אידייע פון גאָט, אָבוואָהל זייער גאָט איז ניט מער ווי אַן אונממשות'דיגער שאָטען און איז מער ניט די שטאַרקע פּערזענליכקייט פון דער רעליגיעזער דאָקטרין. קריטיקער באַשטעהן אויף דעם רופען אַ פּערזאָן „טיף רעליגיעז" וועלכער איז מודה אין אַ געוויסען זינען אויף דער מענשליכער אומוויכטיגקייט און אומבאַדייטענשאַפט אין אָנזעהן פון דעם אוניווערס, אָבוואָהל עס איז ניט אָט דיזע פיהלונג וואָס שטעלט צוזאַמען דעם עסענץ פון די רעליגיעזע עמאָציעס, גיכער איז דאָס דער נעקסטער שריט, די רעאַקציע צו דעם, וועלכע זוכט אַ הייל מיטעל געגען דיזער פיהלונג. דער וואָס געהט ניט ווייטער, דער וועלכער וויליגט איין באַשיידען אויף דעם אונבאַדייטענדען טייל וואָס דער מענש שפּילט אין דעם אוניווערס, איז, אומגעקערט, אומרעליגיעז אין דעם פולען זינען פון וואָרט.

עס ליגט ניט אין דער אַבזיכט פון דיזער אויספאָרשונג צו אַכטען די ווערט פון רעליגיעזע דאָקטרינען אַלס אמת. עס איז גענוג דאָס מיר האָבען זיי אַנערקענט, פּסיכאָלאָגיש באַטראַכט, אַלס אילוזיעס. אָבער מיר באַדאַרפען ניט באַהאַלטען דעם פאַקט אַז דיזע אַנטדעקונג באַאיינפלוסט שטאַרק אונזער שטעלונג צו דעם וואָס מוז ערשיינען פאַר פילע אַלס די וויכטיגסטע פון די פראַגען. מיר ווייסען אומגעפער אין אַ וועלכע פּעריאָדען און ביי אַ וואָסערע סאָרטען מענשען עס האָבען זיך אויסגעפורמט די רעליגיעזע דאָקטרינען. און ווען מיר לערנען אַצינד פון וועלכע מאָטיווען עס האָט פּאַסירט, וועט אונזער שטעלונג צו דעם פּראָבלעם פון רעליגיע ערטראָגען אַ ווירדיגע ענדערונג. מיר זאָגען צו זיך זעלבסט: עס וואָלט ווירקליך זיין זעהר שעהן ווען עס וואָלט דאָרט געווען אַ גאָט, וועלכער איז געווען ביידע, באַשאַפער פון דער וועלט און אַ וואוילטעטיגע השגחה, ווען עס זאָל דאָרט זיין אַ מאָראַלישע וועלט אָרדנונג און אַן עולם הבא, אָבער אין דער זעלבער צייט איז דאָס זעהר מאָדנע אַז דאָס איז אַלעס פּינקטליך ווי מיר זאָלען זיך דאָס אַליין וואונשען. און עס וואָלט זיין נאָך מאָדנער צו גלויבען אַז צו אונזערע אָרעמע, אומוויסענדע פאַרשקלאַפטע אור־עלטערן האָט זיך איינגעגעבען צו לייזען אַלע דיזע שווערע רעטענישען פון דעם אוניווערס.

זיבעטער קאַפּיטעל

האָבענדיג אַנערקענט די רעליגיעזע דאָקטרינען צו זיין אילוזיעס, שטויסען מיר זיך גלייך אָן מיט דער וויטערער פראַגע: קאָנען ניט אויך אַנדערע קולטורעלע באַזיצע, וועלכע מיר שעצען אַזוי הויך און פון וועלכע מיר לאָזען זיך רעגירען, זיין פון אַן ענליכען כאַראַקטער? זאָלען ניט די השערות וואָס רעגולירען אונזערע פּאָליטישע אינסטיטוציעס גלייכער־ווייזע אָנגערופען ווערען אילוזיעס, און איז דאָס ניט ריכטיג אַז אין אונזער קולטור זיינען די באַציהונגען צווישען די געשלעכטער באַאונרוהיגט ביי אַן עראָטישער אילוזיע, אָדער ביי אַ סעריע פון עראָטישע אילוזיעס? און האָט זיך שוין אונזער פאַרדאַכט איינמאָל אויפגעוועקט, וועלען מיר זיך שוין ניט צוריקהאַלטען פון צו פרעגען צו עס איז דאָרט פאַראַן אַ בעסערער גרונד פאַר אונזער איבערצייגונג אַז עס איז מעגליך צו אַנטדעקען עטוואָס וועגען דער אויסערליכער ווירקליכקייט דורך דער אָנווענדונג פון באָאָ־באַכטונג און דיינקען אין וויסענשאַפטליכער אַרבייט. קיין זאַך באַדאַרף אונז ניט אָפּהאַלטען פון צו אָנווענדען באָאָבאַכטונג צו אונזערע אייגענע כאַראַקטערען אָדער אונטערצוואַרפען דעם פּראָצעס פון דיינקען צו זיין אייגענעם קריטיציזם. דאָ שטעלען זיך פאַר אַ סעריע פון אונטערזוכונגען, וועלכע באַדאַרפען זיין מיט זייער רעזולטאַט פון אַן אַנטשיידענדער וויכ־טיגקייט פאַר דעם אויפבויען פון אַ וועלט אַנשויאונג. מיר באַהויפּטען, אויך, אַז אַזאַ אָנשטריינגונג וואָלט ניט זיין אַרויסגעוואָרפען, און אַז עס וואָלט אַמווייניגסטענס טיילוויז בארעכטיגט אונזער פאַרדאַכט. אָבער דער מחבר פון דיזע זייטען האָט ניט די מיטלען צו אונטערנעמען אַזאַ באַגרייפליכע אויפגאַבע; געצוואונגען ביי דער נויט, באַגריינִיצט ער זיין אַרבייט צו דעם נאָכפאָלגען פון איין איינציגער פון דיזע אילוזיעס, דאָס איז, די רעליגיעזע.

אָבער אַצינד באַפעהלט אונז די הויכע שטימע פון אונזער געגנער זיך אָפּצושטעלען. מיר זיינען גערופען אָפּצוגעבען חשבון פאַר אונזערע עבירות.

„אַרכעאָלאָגישע אינטערעסען זיינען אָהן צווייפעל די לויבענסוויר־דיגסטע, אָבער מען געהט ניט מאַכען אַן אויסגרובונג דאָרט ווען מען זאָל

דאדורך אונטערמינעווען באוואוינטע פלעצער, אזוי דאס זיי זאלען איינפאלען און באגראבען זייערע איינוואוינער אונטער זייערע חורבות. די דאקטרינען פון דער רעליגיע זיינען ניט א געגענשטאנד וועגען וועלכען מען קאן זיין קלאר, ווי מען קאן זיין וועגען אן אנדערען. אונזער קולטור איז אויפגעבויט אויף זיי; דאס אויפהאלטונג פון דער מענשליכער געזעלשאפט שטיצט זיך אויף דער השערה אז די מאיאריטעט פון דער מענשהייט גלויבט אין דעם אמת פון דיזע דאקטרינען. ווען מען זאל זיי לערנען אז עס איז ניט פאראן קיין אלמעכטיגער און אלגערעכטער גאט, קיין הייליגע וועלט ארדנונג, און קיין עולם הבא, דאן וועלען זיי זיך פיהלען באפרייט פון אלע פארפליכטונגען צו פאלגען די ארדערס פון דער קולטור. אומפארבאטען און פריי פון מורא, וועט יעדערער פאלגען זיינע אנטיסאציאלע, עגאאיסטישע אינסטינקטען, און וועט זוכען צו בארעכטיגען זיין מאכט. דער כאאס וועלכען מיר האבען באזייטיגט דורך די טויזענטער יארען פון דער ארבייט פון דער ציוויליזאציע, וועט זיך נאכאמאל אנפאנגען. אפילו ווען מען זאל וויסען, און קאנען פרואווען, אז די רעליגיע באזיצט ניט דעם אמת, זאל מען פארבארגען דעם פאקט און מען זאל זיך אויפפירען ווי די פילאסאפיע פון „אלס ווען מיר וואלטען" פאדערט. און אחוץ דער סכנה פון דער אונטערנעמונג, איז דאס אויך א צוועקלאזע גרויזאמקייט. אונצעליגע לייטע געפינען זייער איינציגע טרויסט אין די דאקטרינען פון דער רעליגיע, און נאר אדאנק זייער הילף קאנען זיי ערטראגען דאס לעבען. דו ווילסט זיי רויבען פון דעם וואס אונטערשטיצט זיי, און האסט דאך ניט קיין בעסערס וואס זיי צו געבען אנשטאט. עס איז שוין צו געגעבען אז ביז איצט האט נאך די וויסענשאפט פיל ניט ערדייכט, און ווען זי זאל זאגאר שוין האבען געמאכט פיל מער פארשריטע, וואלט נאך אלץ ניט זיין גענוג פאר די מענשען. דער מענש האט נאך אנדערע דרינגענדע נויטיגקייטען, וועלכע קאנען קיינמאל ניט באפרידיגט ווערען ביי דער קאלטער וויסענשאפט, און עס איז זעהר מאדנע—צו זיין אויפריכטיג, עס איז די העכסטע שטופע פון ווידערשפרעכונג—אז א פסיכאלאג, וועלכער האט אימער באטאנט אויף וויפיל אין די מענשליכע לעבענס די אינטעליגענץ טרעט אפ פאר דעם לעבען פון די אינסטיקטען, זאל איצט שטרעבען צו רויבען די מענשען פון א שעצבארער וואונש־באפרידיגונג, און זאל זיי וועלען געבען אין אנטויש א באלוינונג פון איין אינטעלעקטועלען כאראקטער".

וואס פאר א צאל מיט באשולדיגונגען אלץ מיט אמאל! פונדעסט־

װעגען, בין איך צוגעגרייט זיי אַלע אָפּצושלאָגען; און נאָכמער, איך בין צוגעגרייט צו פּאַרטיידיגען די מיטטיילונג אַז די קולטור ברייננט ארויף אַ גרעסערע סכנה דורך דער אָנהאַלטונג פון איר איצטיגער שטעלונג צו דער רעליגיע ווי ווען זי זאָל איר אין גאַנצען פאַרלאָזען. אָבער איך ווייס קוים ווי אָנצופאַנגען מיין ענטפער.

פיליכט מיט דער פאַרזיכערונג אַז איך זעלבסט באַטראַכט מיין אונטערנעמונג צו זיין גענצליך אונשעדליך און פריי פון יעדען געפאַר. דאָס מאָל איז די איבערשעצונג פון דעם אינטעלעקט ניט אויף מיין זייט. אויב די מענשען זיינען אַזעלכע ווי מיינע געגנער באַשרייבען זיי—און איך האָב קיין וואונש דאָס צו ווידערשפּרעכען—דאַן איז דאָרט גאָר קיין געפאַר פאַר דעם איבער־געגעבענעם גלויביגען, איבערגעשטאַרקט ביי מיינע אַרגומענטען, צו ווערען געטרייבט פון זיין גלויבען. אַחוץ דעם, איך האָב גאָר ניט געזאָגט אַזוינס וואָס אַנדערע און בעסערע מענשען האָבען דאָס ניט געזאָגט פאַר מיר אין אַ פיל מער פולשטענדיגען און איינדרוקס־פולען וועג. די נעמען פון דיזע מענשען זיינען גוט באַוואוסט. איך וויל ניט אָנגעבען זייערע נעמען. איך וואָלט ניט וועלען מאַכען דעם איינדרוק דאָס איך וואָלט זיך וועלען צו רעכענען צו זייער צאָל. איך האָב בלויז—דאָס איז דאָס איינציגע וואָס איז ניי אין מיין סטייטמענט—צו געגעבען אַ געוויסען פּסיכאָלאָגישען פונדאַמענט צו דער קריטיק פון מיינע פאָר־גענגערס. עס איז קוים צו ערוואַרטען דאָס גראַדע דיזער צוגאָב וועט אַרויסברייגנען דעם עפעקט וואָס עס האָט זיך ניט איינגעגעבען צו די פריערדיגע פאַרזוכען. געוויס קאָן מען מיך פרעגען ביי דיזען פּונקט וואָרום איך שרייב גאָר אַזעלכע זאַכען ווען איך בין איבערציינגט אין זייער אומווירקזאַמקייט. אָבער מיר וועלען צוריק קומען צו דיזען שפּעטער.

דער איינציגער פּערזאָן וועמען דיזע פּובליקאַציע קאָן שאַדען טון בין איך אַליין. איך וועל דאַרפען אויסהערען די אומאַנגענעמסטע פאָר־ווירפע אויף דעם גרונד פון אויבערפלעכליכקייט, קליין־זיניגקייט און מאַנגעל פון אידעאַליזם און פאַרשטענדליכקייט פאַר די העכסטע אינ־טערעסען פון דער מענשהייט. אָבער פון איין זייט זיינען אָט די אַלע טאַדלונגען ניט ניי צו מיר; און פון דער אַנדערער זייט, אויב אַ מענש האָט שוין זאָגאר אין זיין פריהער יוגענט געלערענט צו באַגעגענען די אומצופרידענהייט פון זיינע צייט־מענשען, וואָס פאַר אַן עפעקט דאַן קאָן דאָס שוין האָבען אויף אים אין זיינע אַלטע יאָרען, ווען ער וועט שוין געוויס

באַלד זיין ווייט פון דערגרייכונג פאַר אַלע טובות אָדער רעות? אין די פריערדיגע צייטען איז דאָס געווען אַנדערש. דאַן האָבען אַזעלכע אויס־דרוקען ווי דיזע געבראַכט מיט זיך אַ זיכערע פאַרקירצערונג פון אימיצענס אירדישען עקזיסטענץ און אַ שנעלע דערגרייכונג פון דער געלעגענהייט צו געווינען פערזענליכע דערפאַרונג פון יענער וועלט. אָבער, איך ווידערהאָל, יענע צייטען זיינען פאַראיבער, און היינט קאָנען אַזעלכע זאַכען געשריבען ווערען אָהן צו שטעלען אין געפאַר זאָגאַר דעם מחבר; דאָס ערגסטע וואָס קאָן געשעהן איז וואָס אין דיזען אָדער אין אַ צווייטען לאַנד זאָל די איבערזעצונג און די פאַרשפּרייטונג פון דיזען בוך פאַרבאָטען ווערען—און נאַטירליך וועט דאָס געשעהן גראַדע אין דעם לאַנד וואָס עס פילט זיך צו זיכער אויף זיין הויכען סטענדערט פון זיין קולטור. אָבער מען מוז זיין פייהיג זיך צו צופּאַסען צו דעם אויך, ווען מען מאַכט עפּעס אַן אַפּיעל פאַר וואונש פאַרניינונג אָדער פאַר אַן איינוויליגונג אין גלויבען.

און דאַן איז מיר געוואָרען אויפפאַלענד צו פרעגען אויב דאָס פּוב־ליצירען פון דיזען ווערק וועט מעגליך נאָכאַלעמען דאָך ברייננגען עפּעס שאָדען—ניט ווירקליך צו אַ פּערזאָן, נאָר צו אַ זאַך: די זאַך פון פּסיכאָ־אַנאַליז. ווייל מען קאָן ניט אָפּלייקענען אַז דאָס איז ניט מיין שאַפונג, און אַז אַן איבערפלוס פון אונצוטרויען און שלעכטען ווילען איז אַרויס־געוויזען געוואָרען צו דעם. און ווען איך קום איצט אַרויס מיט אַזעלכע אומאַנגענעמע סטייטמענטס, וועלען די לייטע זיין זעהר צופרידען איבער־צוטראָגען זייערע פילונגען פון מיין פּערזאָן אויף דער פּסיכאָ־אַנאַליז. איצינד קאָן מען זעהן, וועט מען זאָגען, וואוהין דער פּסיכאָ־אַנאַליז פירט. די מאַסקע איז אַרונטער געפאַלען; עס פירט צו דער אָפּלייקענונג פון גאָט און פון דעם עטישען אידעאַל, ווי ווירקליך מיר האָבען זיך דאָס אַלעמאָל פאָרגעשטעלט. און אום צו צוריקהאַלטען אונז פון דער אַנטדעקונג, האָט מען אונז געמאַכט צו גלויבען אַז די פּסיכאָ־אַנאַליז האָט ניט, און קאָן ניט האָבען, קיין פילאָסאָפישען שטאַנדפּונקט.

דיזער געטומעל וועט ווירקליך זיין אומאַנגענעם צו מיר צוליב פילע פון מיינע חברים מיטאַרבייטער, אייניגע פון זיי זיינען ניט גענצליך איינ־פאַרשטאַנען מיט מיין שטעלונג צו די רעליגיעזע פּראָבלעמען. פונדעסט־וועגען, האָט שוין די פּסיכאָ־אַנאַליז העלדיש דורכגעמאַכט פילע שטורמס, און וועט אויך מוזען דיזען נייעם באַגעגענען. אין ווירקליכען איז פּסיכאָ־אַנאַליז אַ מעטאָד פאַר אונטערזוכונג אַזוי ווי אַן אונפּאַרטייאישער איינ־

סטרומענט, ווי למשל, „אינפיניטעסימאל קאלקאלאס“. זאגאר ווען א פיזיקער זאל מיט דער הילף פון דעם לעצטען אנטדעקען אז נאך א גע־וויסען פעריאד וועט די ערד צושטערט ווערען, וואלט מען דאך זיך אפ־האלטען פון צו צורעכענען די צושטערענדע נייגונגען צו דער קאלקולוס גופא, און צוליב דעם עם פארדאמען. קיין זאך וואס איך האב דא געזאגט געגען די געשעצטע אמת'ן פון דער רעליגיע ברויכט האבען די שטיצע פון פסיכא־אנאליז; דאס איז שוין געזאגט געווארען ביי אנדערע נאך לאנג איידער די פסיכא־אנאליז האט עקזיסטירט. אויב מען קאן געפינען א נייעם ארגומענט געגען דעם אמת פון דער רעליגיע דורך דעם אנווענדען פון דעם פסיכא־אנאליטישען מעטאד, אלץ ערגער איז דאס פאר דער רע־ליגיע, אבער די פארטיידיגער פון דער רעליגיע וועלען מיט גלייכער רעכט זיך באנוצען מיט דעם פסיכא־אנאליטישען מעטאד אום צו פול שעצען די אפעקטישע וויכטיגקייט פון די רעליגיעזע דאקטרינען.

און איצט צו פארטזעצען מיט דער פארטיידיגונג: עס איז קלאר אז די רעליגיע האט געלייסטעט גרויסע דינסטען פאר דער מענשליכער קולטור. זי האט פיל בייגעשטייערט פאר דער אונטערדריקונג פון די אנטי־סאציאלע אינסטינקטען, אבער דאך ניט גענוג. פאר פילע טויזענ־טער יארען האט זי געהערשט איבער דער מענשליכער געזעלשאפט; זי האט געהאט צייט צו באווייזען וואס זי קאן ערגרייכען. ווען עס זאל זיך איר געווען איינגעבען צו מאכען גליקליך דעם גרסטען טייל פון דער מענש־הייט, מיט דעם טרויסטען זיי, מיט דעם פאראייגען זיי צום לעבען, און מיט דעם מאכען זיי פאר אונטערשטיצער פון דער ציוויליזאציע, דאן וואלט מען אפילו ניט געטרוימט פון דעם שטרעבען צו ענדערען די עקזיס־טירענדע אומשטענדען. אבער אנשטאט דעם וואס זעהען מיר? מיר זעהן אז אן אומגעהויער גרויסע צאל מענשען זיינען אומצופרידען מיט דער ציוויליזאציע און אומגליקליך אין איר, און פילען זי ווי א יאך וואס מוז אפגעטרייסעלט ווערען; מיר זעהען אז דיזע מענשען אדער זיי טוען יעדער זאך וואס עס איז אין זייער מאכט אום צו ענדערען דיזע ציוויליזאציע, אדער זיי געהן אזוי ווייט מיט זייער פיינדשאפט צו איר דאס זיי ווילען גאר ניט האבען צו טוען סיי מיט דער ציוויליזאציע סיי מיט דעם איינ־צוימען פון זייערע אינסטינקטען. ביי דיזען פונקט וועט מען פארווארפען אז פאר דיזען צושטאנד פון די אנגעלעגענהייטען איז שולדיג אט דער זעלבער פאקט וואס די רעליגיע האט פארלארען א טייל פון איר איינפלוס אויף די מאסען און נאר אדאנק דעם קלאגעדיגען עפעקט פון דעם פאר־

שריט אין דער וויסענשאַפט. מיר וועלען באַמערקען דיזע צולאַסונג און די אורזאַכען וועלכע זיינען אָנגעגעבען פאַר דעם, און מיר וועלען זיך דער־מיט באַנוצען שפּעטער פאַר אונזערע אייגענע צוועקען; אָבער דער פאַר־וואורף אַליין האָט קיין מאַכט ניט.

עס איז צווייפעלהאַפט אויב די מענשען זיינען אין אַלגעמיין געווען גליקליכער אין דער צייט ווען די רעליגיעזע דאָקטרינען האָבען געהאַט אַן אומבאַגריינצטע הערשאַפט איידער זיי זיינען איצט; מער מאָראַליש זיינען זיי דאַן געוויס ניט געווען. זיי האָבען אַלעמאָל פאַרשטאַנען ווי אַזוי אָנהאַלטען בלויז אויסערליך די רעליגיעזע מצוות, און דורך דעם צונישט מאַכען זייערע אַבזיכטען. און די פּריסטער, וועלכע האָבען געדאַרפט אַרויפצווינגען די רעליגיעזע געהאָרכזאַמקייט, האָבען האַלב צוגעשטימט צו דעם. גאָטס גוטסקייט מוז אַרויפלייגען אַ צוריקהאַלטענדע האַנט אויף זיין גערעכטיגקייט. מען האָט געזינדיגט, און דאַן האָט מען געבראַכט אַ קרבן אָדער מען האָט געטאָן תשובה, און דאַן איז מען שוין געווען פריי צו זינדיגען נאָכאַמאָל. דער רוסישער מיסטיציזם איז געקומען צו דעם ער־האַבענעם באַשלוס אַז זינד איז נויטווענדיג פאַר דעם פולען גענוס פון די ברכות פון דער הייליגער גנאַדע, און דאַריבער איז דאָס, פונדאַמענטאַל, אָנגענעהם צו גאָט. עס איז גוט באַוואוסט אַז די פּריסטער האָבען נאָר אַדאַנק דיזע גרויסע קאָנצעסיעס וואָס זיי האָבען געמאַכט צו די אינ־סטינקטען, געקאָנט האַלטען די מאַסען אונטערוואָרפען צו דער רעליגיע. און אַזוי איז דאָס באַפעסטיגט געוואָרען: בלויז גאָט אַליין איז שטאַרק און גוט, דער מענש איז שוואַך און זינדיג. די אוממאָראַלישקייט, ניט וויינינגער ווי די מאָראַלישקייט, האָט צו יעדער צייט געפונען שטיצע אין דער רעליגיע. אַלזאָ אויב די ערגרייכונגען פון דער רעליגיע אין דעם פאַר־גרעסערען פון דעם מענשליכען גליק, און אין דעם צופּאַסען זיי צו דער ציוויליזאַציע, און אין דעם קאָנטראָלירען זיי מאָראַליש, זיינען ניט בעסער, דאַן שטעלט זיך די פראַגע צו זיינען מיר גערעכט אין דעם באַטראַכטען איר פאַר נויטווענדיג פאַר דער מענשהייט, און צו האַנדלען מיר קלוג מיט דעם באַזירען אויף איר די פאָדערונגען פון אונזער קולטור.

לאָמיר באַטראַכטען דעם ריכטיגען כאַראַקטער פון דער געגענוואַר־טיגער סיטואַציע. מיר האָבען געהערט די צולאַסונג אַז די רעליגיע האָט מער ניט דעם זעלבען איינפלוס אויף די מענשען וואָס זי פלעגט האָבען (מיר באַטראַכטען דאָ איצט די אייראָפּעאישע קריסטליכע קולטור). און

דאָס איז ניט דערפֿאַר וואָס אירע פֿאַרשפּרעכונגען זיינען געוואָרען קלע־נער, נאָר ווייל די לייטע האָבען אָנגעהויבען ווייניגער גלויבען אין זיי. לאָמיר צוגעבען אַז די אורזאַכע—פֿיליייכט ניט די איינציגע—פֿאַר דיזער פֿאַרענדערונג איז די פֿאַרגרעסערונג פֿון דעם וויסענשאַפֿטליכען גייסט צווישען די העכערע שיכטען פֿון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט. קריטיסיזם האָט געטאַדעלט די עכטהייט פֿון דער רעליגיע, די נאַטור וויסענשאַפֿט האָט באַוויזען די טעות'ן וועלכע זיי ענטהאַלטען, און די פֿאַרגלייכונג מעטאָדע פֿון פֿאָרשונג האָט אויפֿגעדעקט די געפֿערליכע עהנליכקייט צווישען די רעליגיעזע אידייען וועלכע ווערען פֿאַרעהרט פֿון אונז און די גייסטיגע שאַפֿונגען פֿון די פּרימיטיווע צייטען און מענשען.

דער וויסענשאַפֿטליכער גייסט ברייננט אַרויס אַ זאָנדערבאַרע שטע־לונג צו די פּראָבלעמען פֿון דיזער וועלט; בעפֿאָר די פּראָבלעמען פֿון דער רעליגיע שטעלט ער זיך אָפּ פֿאַר אַ ווייל, דאַן איז ער אָביסעל ניט אַנט־שלאָסען, און ענדליך טרעט ער דאָ אויך איבער דער שוועל. אין דיזען פּראָצעס איז ניט פֿאַראַן קיין אָפּשטעל. וואָס מער די פּרוכט פֿון דעם וויסען ווערען צוגענגליך צו די מענשען, אַלץ מער פֿאַרשפּרייט זיך די ירידה פֿון דעם רעליגיעזען גלויבען, צום ערשטען נאָר פֿון די אָפּגעלעבטע אומאָננווענדענדע אויסדריקע אירע, און דאַן אויך פֿון אירע פֿונדאַמענטאַלע השערות. די אַמעריקאַנער וועלכע האָבען פֿאַראַנשטאַלטעט דעם אַפֿפֿען פּראָצעס אין דעיטאָן האָבען דאָס אַליין באַוויזען איבעראיינשטימיג. ערגעץ אַנדערש ווערט דער אונפֿאַרמיידליכער איבערגאַנג דערגרייכט דורך דעם וועג פֿון האַלבע מאָסען און אומאויפֿריכטיגקייטען.

די קולטור האָט ווייניג וואָס מורא צו האָבען פֿאַר די געבילדעטע אָדער מאַרך אַרבייטער. אין זייער פֿאַל וועלען די רעליגיעזע מאָטיווען פֿאַר דער ציוויליזירטער אויפֿפֿירונג גאַנץ באַשיידען פֿאַרביטען ווערען אויף אַנדערע און וועלטליכע מאָטיווען; חוץ דעם זיינען זיי מערסטענ־טיילס זעלבסט אונטערשטיצער פֿון דער קולטור. אָבער עס איז אַן אַנדער אַנגעלעגענהייט מיט דער גרויסער אומגעבילדעטער און אונטערדריקטער מאַסע, וועלכע האָט יעדער אורזאַכע צו זיין שונאים פֿון דער קולטור. אַזוי לאַנג ווי זיי געפֿינען ניט אויס אַז עס זיינען פֿאַראַן לייטע וואָס גלויבען מער ניט אין גאָט איז אַלעס גוט און וואויל. אָבער זיי געפֿינען דאָס אויס, אונפֿעהלבאַר, און וואָלטען דאָס אויסגעפֿונען ווען זאָגאַר דאָס ווערק וואָלט ניט פּובליצירט געוואָרען. זיי זיינען פֿאַרטיג אָנצונעמען די רעזולטאַטען

פון דעם וויסענשאַפטליכען דיינקען, ניט האָבענדיג באַווירקט אין זיך זעלבסט דעם פּראָצעס פון פאַרענדערונג וועלכעס דאָס וויסענשאַפטליכע דיינקען פאַראורזאַכט אין די מענשען. איז דאַרט ניט פאַראַן אַ געפאַר אַז דיזע מאַסען, אין זייער פיינדשאַפט צו דער קולטור, וועלען אַטאַקירען דעם שוואַכען פּונקט וואָס זיי האָבען אַנטדעקט אין זייער ווערק־מייסטער? אויב דו טאָרסט ניט הרג׳נען דיין שכן, נאָר דערפאַר וויל גאָט האָט דאָס פאַרבאָטען און וועט שטאַרק באַשטראָפען דערפאַר אויף דער וועלט אָדער אויף יענער וועלט, און מיט אַמאָל געפינסטו גאָר אויס אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט און מען דאַרף קיין מורא ניט האָבען פאַר זיין שטראָף, דאַן וועסטו געוויס הרג׳נען אָהן באַדענקען, און נאָר אַן אירדישע מאַכט קאָן דיך אָפּהאַלטען פון דאָס צו טאָן. און אַזוי פאָלגט די נויטווענדיגקייט אָדער פאַר דער שטאַרקסטער אונטערדריקונג פון דיזע געפערליכע מאַסען און אַ זעהר פאָרזיכטיגע אויסשליסונג פון אַלע געלעגנהייטען פאַר אַ גייס־טיגער ערוואַכונג, אָדער אַ פונדאַמענטאַלע אונטערזוכונג פון דער באַצי־הונג צווישען קולטור און רעליגיע.

אַכטער קאַפּיטעל

מען וואָלט דיינקען אַז דיזער לעצטער פאָרשלאַג וואָלט געקאָנט דורכגעפירט ווערען אָהן ספּעציעלע שוועריגקייטען. עס איז אמת אַז דאָס וואָלט איינוויקלען אַ געוויסע מאָס פון פאַרנייגונגען, אָבער מען וואָלט געוואונען, פילייכט, מער ווי מען וואָלט פאַרלוירען, און אַ גרויסער גע־פאַר וואָלט פאַרמידען געוואָרען. אָבער די לייטע שרעקען זיך פאַר דעם, זיי דיינקען אַז די ציוויליזאַציע וואָלט דאַדורך זיין ארויסגעשטעלט זאָגאַר צו אַ גרעסערען געפאַר. ווען סעינט באָניפאַס האָט אומגעוואָרפען דעם בוים וועלכער איז געווען פאַרעהרט אַלץ אַ הייליגער ביי די סאַקסאַנער, האָבען יענע וועלכע זיינען געשטאַנען ארום ערוואַרטעט אַז עפּעס אַ שרעק־ליכע פּאַסירונג וועט פאָלגען דיזען גוואַלדטאַט. עס האָט ניט פּאַסירט, און די סאַקסאַנער זיינען געטויפט געוואָרען.

עס איז אָפענבאַר אין די אינטערעסען פון דעם מענשענס געמיינ־שאַפטליכער עקזיסטענץ, וועלכעס וואָלט אַנדערש ניט געווען אויספירבאַר, אַז דאָס וואָס די ציוויליזאַציע האָט אוועק געלייגט דעם געבאָט אַז מען

זאָל ניט הרג'נען דעם שכן וועמען מען האָט פיינט, וועלכער איז אין אימי־צענס וועג, אָדער וועמעס אייגענטום מען גלוסט. ווייל דער מערדער וואָלפט אויף זיך אַרויפציען די נקמה פון דעם דערמאָרדעטענס קרובים און די פאַרבאָרגענע קנאה פון די אַנדערע וואָס האָבען אַזוי פיל אינערליכע נייגונג ווי ער האָט געהאַט צו אַזעלכען אַקט פון גוואַלדטאַט. אַזוי אַרום וואָלט ער קיין לאַנגען פאַרגעניגען ניט האָבען פון זיין נקמה אָדער רויב, ער וואָלט האָבען יעדען אויסזיכט אויף אויך אַליין גיך גע'הרג'עט צו ווערען. ווען ער וואָלט זאָגאַר זיך געקאָנט פאַרטיידיגען געגען איינצעלנע שונאים דורך זיין אויסערגעווייגליכער קראַפט און פאָרזיכטיגקייט, וואָלט ער דאָך זיך מוזען אונטערגעבען צו אַ פאַראייניגונג פון דיזע שוואַכערע פיינד. ווען עס וואָלט ניט אַנטשטאַנען אַזאַ פאַראייניגונג וואָלט מער־דעריי אָנגעהאַלטען אונאויפהערליך, און די ענדע דערפון וואָלט זיין אַז די מענשען וואָלטען אויסגעראָטען איינער דעם צווייטען. עס וואָלט זיין דער זעלבער צושטאַנד פון אַנגעלעגענהייטען צווישען אינדיווידועלען ווי דער וועלכער עקזיסטירט אין קאָרסיקאַ צווישען פאַמיליעס, זאָנסט עק־זיסטירט אַזאַ צושטאַנד בלויז צווישען נאַציאָנען. די אונזיכערקייט פון דעם לעבען, אַ גלייכער געפאַר פאַר אַלעמען, פאַראייניגט איצט די מענ־שען אין איין געזעלשאַפט, וועלכע פאַרבאָט דעם אינדיווידועל צו הרג'נען און פאַרהאַלט פאַר זיך זעלבסט דאָס רעכט צו הרג'נען אין דעם נאָמען פון דער געזעלשאַפט דעם מענשען וועלכער פאַרשוועכט דיזען פאַרבאָט. אָט דאָס, דאַן, איז גערעכטיגקייט און שטראָף.

מיר דערציילען, פונדעסטוועגען, ניט צו אַנדערע פון דיזען ראַציאָ־נאַלען גרונד פאַר דער מאָרד פאַרבאָטונג; פאַרקעהרט, מיר דערקלערען אַז גאָט איז דער אויטאָר דערפון. און אַזוי, מאַכענדיג דרייסט צו פאַרהיי־ליגען זיינע אַבזיכטען, געפינען מיר אויס, אַז ער האָט אויך ניט קיין וואונש אַז די מענשען זאָלען זיך אויסראָטען איינער דעם צווייטען. דורך דיזער האַנדלונג שליסען מיר איין די קולטורעלע פאַרבאָטונג אין אַ גאַנץ זאָנדערבאַרער עהרפורכטיגקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט ריזיקירען מיר צו מאַכען די באַאָבאַכטונג אָפּהענגיג פון דעם גלויבען אין גאָט. ווען אָבער מיר ציהען צוריק דיזען שריט, מיר באַלאַסטען מער ניט גאָט מיט אונזערע אייגענע וואונשען, און מיר שטעלען זיך צופרידען מיט דער סאָ־ציאַלער גערעכטיגקייט אַלס גרונד פאַר דעם קולטורעלען פאַרבאָט, דאַן פאַרלייקענען מיר, עס איז אמת, זיין הייליגען נאַטור, אָבער מיר פאַר־מיידען אויך מיט דעם צו שטעלען אין געפאַר זיין עקזיסטענץ. און מיר

געווינען אין דער זעלבער צייט נאָך עפּעס אַנדערש אויך. דורך עפּעס איין אויסגיסונג אָדער אָנשטעקונג האָט זיך דער כאַראַקטער פון הייליגקייט און אומפאַרברעכליקייט, פון אַנדערע וועלטליכקייטען קאָן מען זאָגן, אויסגעשפּרייט פון איינציגע וויכטיגע פאַרבאָטונגען צו אַלע אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס און געזעצען און פאַראָרדנונגען. און אָפט פּאַסט זיך דער ליכט־קרייז צו דיזע ניט צו גוט; ניט נאָר מאַכען זיי אונגילטיג איינער דעם אַנדערען דורך שטרייטענדע באַשליסע וועגען דער צייט און פּלאַץ פון זייער אָפּשטאַם; נאָר אפילו חוץ דעם געבען זיי אויס יעדען סימן פון מענשליכער מאַנגעלהאַפטיגקייט. מען קאָן לייכט דערקענען צווישען זיי זאַכען וועלכע קאָנען נאָר זיין דער פּראָדוקט פון קורצזיכטיגקייט און שרעקעדיגקייט, דער אויסדרוק פון באַגריינצטען אינטערעס, אָדער דער רעזולטאַט פון מאַנגעלהאַפטער היפּאָטהעזע. דער קריטיציזם צו וועלכען מען מוז זיי אונטערוואַרפען פאַרקלענערט אויך צו אַן אומגעוואונשטער מאָס דעם מענשענס רעספּעקט פאַר אַנדערע און מער באַרעכטיגטע קולטורעלע פאָדערונגען. און אַזוי ווי עס איז אַ דעליקאַטע אויפגאַבע צו אַנטשיידען וועלכעס גאָט אַליין האָט באַפעהלען און וועלכעס שטאַמט נאָר אָפּ פון דער אויטאָריטעט פון אַן אַלמעכטיגען פּאַרלאַמענט אָדער אַ העכסטע געריכטליכע אַנטשיידונג, וואָלט דאָס זיין אַן אונצווייפעלהאַפטער פאָרצוג אין גאַנצען אַרויסלאָזען גאָט פון דער פראַגע און אויפריכטיג צולאָזען דעם ריינעם מענשליכען אורשפּרונג פון אַלע קולטורעלע געזעצען און אינסטיטוציעס. און מיט דעם וועלען זיך אויך אויפהערען זייערע פּרעטענזיעס צו פאַרהייליגען דעם שטריינגען און אומפאַרענדערטען כאַראַקטער פון דיזע געזעצען און רעגולאַציעס. די מענשען וואָלטען רעאַליזירען אַז דיזע געזעצען זיינען געמאַכט געוואָרען ניט צוליב דעם זיי זאָלען הערשען איבער זיי, נאָר, פאַרקעהרט, זיי זאָלען דינען זייערע אינטערעסען; זיי וואָלטען אָנגענומען אַ מער פריינדליכע שטעלונג צו זיי, און אַנשטאַט צו שטרעבען פאַר זייער פאַרניכטונג וואָלטען זיי נאָר שטרעבען צו פאַרבעסערען זיי. דאָס וואָלט זיין אַ וויכטיגער פאָרשריט אויף דעם וועג וואָס פירט צו בריינגען אין האַרמאָני מיט דעם יאָך פון דער קולטור.

אָבער דאָ ווערט אונזער פאַרטיידיגונגס רעדע פאַר אַ ריינעם ראַציאָנאַלען גרונד פאַר די קולטורעלע געזעצען, דאָס מיינט צו זאָגן, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון געזעלשאַפטליכער נויטווענדיגקייט, אונטערבראָכען ביי אַ פּלוצלומדיגען צווייפעל. מיר האָבען אויסגעקליבען פאַר אונזער ביי־

שפיל דער אורשפרינג פון מאָרד פאַרבאָטונג. אָבער טוט אונזער באַריכט וועגן דעם שטימען מיט די היסטאָרישע אמת'ן? מיר האָבן מורא אַז ניין; דאָס ערשיינט צו זיין בלויז אַ ראַציאָנאַליסטישע קאָנסטרוקציע. מיט דער הילף פון פסיכאָ־אַנאַליז האָבן מיר געשטודירט אָט דיזען פאַקט אין דער היסטאָרי פון דער מענשליכער קולטור, און געשטיצט אויף דיזע שטודיעס זיינען מיר פאַרפליכטעט צו זאָגען אַז אין ווירקליכען האָט דאָס אַזוי ניט פאַסירט. אַפילו אין די היינטיגע מענשען זיינען די ריינע שכל'דיגע מאָטיוען פון קליינע נוצען געגען די ליידענשאַפטליכע אימפולסען. וויפיל שוואַכער, דאַן, האָבן זיי געמוזט זיין אין דעם אורשפרינגליכען חיה־מענשען! פיליכט זאָגאַר איצט וואָלטען זיינע אָבשטאַמלינגס נאָך גע'הרג'עט איינער דעם צווייטען אומגעשטערט ווען עס וואָלט דאָרט ניט געווען צווישען יענע אַקטען פון מאָרד איינער—דאָס הרג'ענען פון דעם אורשפרינגליכען פאָטער—וועלכעס האָט אַרויסגערופען אַן אומווידערשטעהגליכע עמאָציאָנעלע רעאַקציע, וויכטיג אין זיינע קאָנסעקווענצען. פון דעם איז אַרויס געקומען דער פאַרבאָט: דו זאָלסט ניט הרג'נען, וועלכעס איז אין טאָטעמיזם געווען באַגרייניצט צו דעם פאָטער־סובסטיטוט, און האָט זיך שפעטער אויסגעשפרייט צו אַנדערע, אָבער וועלכעס איז זאָגאַר היינט צו טאָג ניט איבעראַל שטאַרק געאַכטעט.

אָבער לויט די אַרגומענטען וועלכע איך באַדאַרף דאָ ניט איבערחזר'ען, איז דער אורשפרינגליכער פאָטער געווען דאָס פאָרבליד פון אַ גאָט, דער מוסטער לויט וועלכען די שפעטערדיגע דורות האָבן אויסגעפורמט זייער געטליכע פיגור. דאַריבער איז די רעליגיעזע ערקלערונג ריכטיג. גאָט איז ווירקליך געווען באַטרעפענד אין דעם אורשפרינג פון דיזען פאַרבאָט; זיין איינפלוס, ניט זיין איינבליק אין דעם וואָס עס איז געווען נויטווענדיג פאַר דער געזעלשאַפט, האָט דאָס געבראַכט צום עקזיסטירען. און דער פראָצעס פון דעם צושרייבען דעם מענשענס ווילען צו גאָט איז פול באַרעכטיגט; ווייל די מענשען, וויסענדיג אַז זיי האָבן אַזוי ברוטאַל באַזייטיגט דעם פאָטער, האָבן באַשלאָסען, אין דער רעאַקציע צו זייער געוואַלדטאַט, צו רעספעקטירען זיין ווילען אין דער צוקונפט. און אַזוי גיט אונז די רעליגיעזע דאָקטרין דעם היסטאָרישען אמת, כאָטש, אַפילו אין עטוואָס אַ רעמאָדעלטער און פאַרשטעלטער פאָרם; אונזער ראַציאָנאַלע ערקלערונג לייקענט דאָס אָפ.

מיר באַמערקען איצט אַז די זאַמלונג פון די רעליגיעזע אידייען ענט־

האַלטען ניט נאָר וואונש־ערפילונגען, נאָר אויך וויכטיגע היסטאָרישע ערא־ינערונגען. וואָס פאַר אַן אומפאַרגלייכבאַרע, וואָס פאַר אַן איבערפלוס פון קראַפט מוז דיזע קאָמבינאַציע פון דעם עבר און הוה געבען צו דער רעליגיע! אָבער מיט דער הילף פון אַנאַלאָגיע קאָנען מיר פיליכט געפינען אונזער וועג צו אַן אַנדער איינבליק פון דעם פּראָבלעם. עס איז ניט קיין גוטע זאַך צו איבערפלאַנצען אידייען וויט אַוועק פון דעם באָדען אין וועלכען זיי זיינען געוואַקסען, אָבער מיר קאָנען זיך ניט צוריקהאַלטען פון אָנצודייטען די עהנליכקייט וועלכע פאָרמירט דיזע אַנאַלאָגיע. מיר ווייסען אַז דאָס מענשליכע קינד קאָן ניט זעהר גוט פאַרענדיגען זיין אַנטוויקלונג צו דער קולטור ניט דורכגעהענדיג אַ מער אָדער ווייניגער דייטליכע פאַזע פון ניאָראַסיס. דאָס איז וויל דאָס קינד איז ניט אימשטאַנד צו אונטערדריקען דורך אַ ראַציאָנאַלער גייסטיגער אָנשטריינגונג אזוי פיל פון יענע אינסטינקטועלע אימפּולסען וועלכע קאָנען שפּעטער ניט גענומען ווערען אין אַכט, אָבער ער דאַרף זיי איינהאַלטען דורך די טאַטען פון רעפּרעסיע,* הינטער וועלכער עס שטעהט אַלס אַ כלל אַן אַנגסט מאָטיוו. די מערסטע פון דיזע קינדערשע ניאָראַסיסען ווערען איבערגעקומען נאַטירליכערווייזע ווען מען וואַקסט אויס, און ספּעציעל איז דאָס דער שיקזאַל פון דער פּסיכאָ־ניאָראַסיס פון דער קינדהייט. דאָס איבערגעבליבענע קאָן אויסגעלייטערט ווערען אויך שפּעטער דורך דער פּסיכאָ־אַנאַליטישער באַהאַנדלונג. און פּונקט אין דעם זעלבען וועג קאָן מען באַהויפּטען אַז אין איר אַנטוויקלונג דורך די אַלע צייטען מאַכט די מענשהייט אַלס אַ גאַנצע דורך באַדינגונגען וועלכע זיינען עהנליך צו דער ניאָראַסיס, און דאָס איז איבער די זעלבע אורזאַכען, וויל אין די יאָרען פון איר אונוויסענהייט און שוואַכן אינטעלעקט האָט זי דערגרייכט דורך ריינע עפעקטישע מיטלען די אינסטינקטועלע אָפּנייגונגען, וועלכעס איז אונפאַרמיידליך נויטיג פאַר דעם מענשענס געמיינשאַפטליכער עקזיסטענץ. און דאָס איבערבלייבענץ פון דיזע רעפּרעסיע־עהנליכע פּראָצעסן, וועלכע זיינען ענטשטאַנען אין די אַלטע צייטן, האָט זיך לאַנג נאָכגעשלעפּט צו דער ציוויליזאַציע. און אַזוי אַרום איז די רעליגיע די אוניווערסאַלע פּסיכאָ־ניאָראַסיס פון דער מענש־

---

*Properly, repression should be used for voluntary exclusion; repression, for involuntary exclusion of ideas and desires in the theory of Psycho-analysis.

הייט. אירע, ווי דעם קינדס, שטאַמט אָפּ פון „אָעדיפּוס קאָמפּלעקס,*
די באַציאונג צו דעם פאָטער. לויט דיזען באַגריף קאָן מען נביאות זאָגען
אַז די פאַרלאָזונג פון דער רעליגיע וועט ענטשטעהען מיט דער געטרייער
אונערביטליכקייט פון דעם פּראָצעס פון וואַקסען, און אַז מיר זיינען איצט
נאָר אין דער מיט פון דיזער פאַזע פון אַנטוויקלונג.

אַזוי וואָלטען מיר באַדאַרפט אויספורעמען אונזער אויפפירונג לויט
דעם מאָדעל פון אַ שכל'דיגען לעהרער, וועלכער שטעלט זיך ניט אַנט־
געגען דער נייער אַנטוויקלונג וועלכע שטעהט פאַר אים, נאָר זוכט דאָס
נאָך צו פאַרשנעלערען און צו מילדערען די שוועריגקייט פון דעם אָנפאַנג.
צו זיין זיכער דיזע אַנאַלאָגיע ערשעפּט ניט דעם עסענץ פון דער רעליגיע.
אויב אין איין זייט ברייננגט די רעליגיע מיט זיך פּסיכישע באַגריינצונגען,
וועלכע קאָנען נאָר פאַרגלייכט ווערען צו איין אינדיווידועלער פּסיכאָ־
ניאָראָסיס, ענטהאַלט זי אין דער אַנדערער זייט אַ סיסטעם פון וואונש־
אילוזיעס, אונפאַראייינבאַר מיט דער ווירקליכקייט, אַזעלכע ווי מיר גע־
פינען נאָר אין אַן אָפּפּגעזונדערטער פאָרם אין meynerto amentia
אַ צושטאַנד פון גליקזעליגער האַלוסיאַנאַצירטער פאַרווירטקייט. אָבער
דיזע זיינען נאָר בלויז פאַרגלייכונגען מיט וועמעס הילף מיר קאָנען שטרע־
בען צו פאַרשטעהן די סאָציאַלע פענאָמענאַ; אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע
פאַרזאָרגט אונז ניט מיט אַ פּינקטליכען דופּליקאַט.

עס איז באַוויזען געוואָרען אונצעליגע מאָל ביי מיר און באַזונדערס
ביי טעאָדאָר רעיק, ביז צו אַ וואָסערע איינצעלהייטען די אַנאַלאָגיע פון
רעליגיע און פּסיכאָ־ניאָראָסיס קאָן נאָכגעפאָלגט ווערען, וויפיל פון די
אומענדערונגען און זאָנדערבאַרקייטען פון דעם פאָרמירען פון דער רעליגיע
עס קאָן פאַרשטאַנען ווערען אין דיזען וועג. און עס שטימט גוט מיט
דעם וואָס דער אמת'ער גלויביגער איז אין אַ הויכען גראַד באַשיצט געגען
דער געפאַר פון געוויסע ניאָראָטישע ליידען; אָננעמענדיג די אוניווערסאַלע
ניאָראָסיס איז ער געשוינט פון דער אויפגאַבע צו פאָרמירען אַ פּערזענליכע
ניאָראָסיס.

אונזער וויסען וועגען דער היסטאָרישער ווערט פון געוויסע רעלי־

---

*Repressed desire for incestuous relationships held by Psychoanalysts to be practically universal.

גיעזע דאָקטרינען פאַרגרעסערט אונזער רעספּעקט פאַר זיי, אָבער עס מאַכט ניט אומגילטיג אונזער פאָרשלאַג צו אויסשליסען זיי פון דער מאָטיווירונג פאַר די קולטורעלע געזעצען. אומגעקערט! דיזער היסטאָרישער אָבזאַץ האָט אונז געגעבען אַ קאָנסעפּציע פון רעליגיעזע דאָגמען אַלס, אַזוי צו זאָגען, ניאָראַטישע איבערבלייבעכצען, און איצט קאָנען מיר זאָגען אַז די צייט איז שוין וואַרשיינליך געקומען צו פאַרבייטען די פאָלגען פון רעפּרעסיע ביי די רעזולטאַטען פון ראַציאָנאַלער גייסטיגער אָנשטריינגונג, אַזוי ווי אין דער אַנאַליטישער באַהאַנדלונג פון ניאָראַטיקס. מען קאָן פאָראויס זאָגען, און קוים באַדויערען, אַז דיזער פּראָצעס פון רעמאָדלען וועט זיך ניט אָפּשטעלען און באַנוגענען מיט דעם צושטרייען פון די פּיירליכע לופט פון דער הייליגקייט וועלכע רינגעלט אַרום די קולטורעלע געזעצען, נאָר אַז אַן אַלגעמיינע רעוויזיע פון דיזע דאָגמען וועט מוזען פאַראורזאַכען די פאַרניכטונג פון פילע פון זיי. און דאָס וועט אונז פיל אַרויס העלפען צו לייזען אונזער אָנגעדייטעטען פּראָבלעם פון פאַראייניגען די מענשען צו דער ציוויליזאַציע. מיר דאַרפען ניט באַדויערען דעם פאַרלוסט פון דעם היסטאָרישען אמת וועלכעס איז פאַרוויקעלט מיט דעם אָננעמען די ראַציאָנאַלע מאָטיווירונג פאַר די קולטורעלע געזעצען. די אמת'ן וועלכע די רעליגיעזע דאָקטרינען ענטהאַלטען זיינען נאָכאַלעמען אַזוי פאַרדרעהט און סיסטעמאַטיש פאַרשטעלט דאָס די מענשליכע מאַסע קאָן זיי ניט דערקענען אַלס אמת. עס איז אַ ביישפּיל פון דער זעלבער זאַך ווען מיר דערציילען דעם קינד אַז ניי געבוירענע קינדער ווערען געבראַכט ביי אַ שטאָרק. דאָ, אויך, זאָגען מיר דעם אמת אין אַ סימבאָלישען געשטאַלט, ווייל מיר ווייסען וואָס יענער גרויסער פויגעל באַדייטעט. אָבער דאָס קינד ווייסט דאָס ניט; ער הערט נאָר דאָס פאַרדרעהטע, און פילט אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט; און מיר ווייסען ווי אָפט זיין ווידערשפּעניגקייט און זיין אונצוטרוי צו די דערוואַקסענע איז פאַרבונדען מיט דיזען איינדרוק. מיר זיינען געקומען צו דעם באַשלוס אַז עס איז בעסער צו פאַרמיידען אַזעלכע סימבאָלישע פאַרדרעהענישען פון דעם אמת, און צו באַרעכטיגען דעם קינד דאָס וויסען פון דעם ריכטיגען צושטאַנד פון די אַנגעלעגענהייטען אין אַזאַ וועג וואָס פּאַסט זיך פאַר דעם צושטאַנד פון זיין גייסטיגער אַנטוויקלונג.

ניינטער קאַפּיטעל

„דו ערלויבסט זיך ווידערשפּרוכען וועלכע זיינען שווער צו פאַר־איינען איינער צום צווייטען. צום ערשטען דערקלערסטו אַז אַזאַ ווערק ווי דיינע איז גאַנץ אונשעדליך; קיינער וועט זיך ניט לאָזען רויבען פון זיין רעליגיעזען גלויבען דורך אַזעלכע דיסקוסיעס. אָבער זינט, ווי עס איז שפּעטער באַוויזען געוואָרען, עס איז דיין ציעל צו צושטערען דיזען גלויבען, קאָן מען פרעגען: פאַרוואָס־זשע אין פאַקט טוסטו דאָס פּובּ־ליצירען? ביי אַן אַנדער פּונקט, פונדעסטוועגען, גיסטו צו אַז עס קאָן פיליייכט זיין געפערליך, ווירקליך זעהר געפערליך, פאַר אַ מענשען צו אַנט־דעקען אַז לייטע גלויבען מער ניט אין גאָט. אָבוואָהל ער איז ביז אַצינד געווען געהאָרכזאַם, וועט ער איצט אַראָפּ וואַרפען אינגאַנצען זיין טריי־הייט צו די געזעצען פון דער קולטור. דיין גאַנצער אַרגומענט, אַז די רעליגיעזע מאָטיווירונג פון די קולטורעלע געבאָטען באַדייטען אַ געפאַר פאַר דער קולטור, איז געבויט, אין פאַקט, אויף דער השערה אַז דער גלוי־ביגער קאָן געמאַכט ווערען פאַר אַן אומגלויביגען. אָבער דאָס איז דאָך אַ פולשטענדיגער ווידערשפּרוך.

„און אָט איז אַן אַנדער ווידערשפּרוך: דו גיסט צו אין איין זייט אַז דער מענש וויל ניט געפירט ווערען ביי דער אינטעליגענץ; ער איז געפירט ביי זיינע ליידענשאַפטען און ביי די פאָדערונגען פון זיינע אינ־סטינקטען; אָבער אין דער אַנדערער זייט שלאָגסטו פאָר צו פאַרבייטען דעם עמאָציאָנעלען גרונד פון זיין טרייהייט צו דער קולטור ביי אַ ראַציאָ־נאַלען. זאָל דער דאָס פאַרשטעהן ווער עס קאָן. צו מיר זעהט דאָס אויס אַ פאַל פון איינעם אָדער פון דעם צווייטען.

„אחוץ דעם, האָסטו גאָר ניט געלערנט פון היסטאָרי? שוין אַמאָל פריהער איז געמאַכט געוואָרען אַזאַ פאַרזוך צו פאַרבייטען די רעליגע פאַר דעם פאַרשטאַנד, אָפיציעל און אויף אַ גראַנדיעזען שטייגער. געוויס גע־דיינקסטו די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און ראָבעספּירן און אויך ווי קורץ זי האָט געלעבט און ווי טרויעריג און אומווירקזאַם עס איז געווען דער עקספּערימענט? דאָס ווערט אַצינד איבער גע׳חזר׳ט אין רוסלאַנד, און מיר דאַרפען ניט זיין נייגעריג וועגען דעם רעזולטאַט. דיינקסטו ניט דאָס מיר מוזען באַהויפּטען אַז דער מענש קאָן ניט אויסקומען אָהן רעליגיע?

„דו האָסט אַליין געזאָגט אַז רעליגיע איז מער ווי אַ פּסיכאָ־ניאָראַסיס, אָבער דו האָסט ניט באַהאַנדעלט דעם אַנדערען אַבזיכט פון דעם. דו ביזט צופרידען צו אויסאַרבייטען די אַנאַלאָגיע מיט דער ניאָראַסיס. די מענשען מוזען באַפרייט ווערען פון אַ ניאָראַסיס. און וועגען עפּעס אַנדערש וואָס עס ווערט פאַרלוירען אין דעם פּראָצעס קימערט דיך ניט".

וואַרשיינליך זיינען דיזע אויגענשיינליכע ווידערשפּרוכען אויסגע־וואַקסען ווייל איך האָב צו האַסטיג געהאַנדעלט מיט פאַרוויקעלטע אַנ־געלעגענהייטען, אָבער מיר קאָנען אָפּ מאַכען פאַר דיזען צו אַ געוויסען גראַד. איך באַהויפּט נאָך אַלץ אַז אין איין רעספּעקט איז מיין ווערק אונשעדליך. קיין גלויביגער וועט זיך ניט לאָזען אַראָפּ פירען פון דעם וועג ביי דיזע אָדער עהנליכע אַרגומענטען. אַ גלויבינגער האָט געוויסע אַפעקטישע קניפּען וואָס בינדען אים צו צו דעם עיקר פון דער רעליגיע. עס זיינען געוויס פאַראַן אַ גרויסע צאָל פון אַנדערע לייטע וועלכע זיינען רעליגיעז ניט אין דעם זעלבען זינען. זיי פאָלגען די געזעצען פון דער ציוויליזאַציע ווייל זיי זיינען אָנגעשראָקען ביי דעם סטראַשען פון דער רעליגיע, און זיי האָבען מורא פאַר דער רעליגיע אַזוי לאַנג ווי זיי באַ־טראַכטען איר אַלס אַ טייל פון דער ווירקליכקייט וואָס באַשריינקט זיי. דיזע זיינען די לייטע וועלכע ברעכען זיך אָפּ פריי אַזוי גיך ווי זיי וואַגען אויפגעבען זייער גלויבען אין דער ווערט פון איר ווירקליכקייט; אָבער אַרגומענטען מאַכען אויף זיי אויך ניט קיין עפעקט. זיי הערען אויף מורא האָבען פאַר דער רעליגיע ווען זיי געפינען אַז אַנדערע האָבען פאַר איר קיין מורא ניט, און וועגען דיזע האָב איך באַהויפּטעט אַז זיי וואָלטען אויסגעפינען וועגען דער ירידה פון דעם רעליגיעזען איינפלוס זאָגאַר ווען איך וואָלט ניט פּובליצירט מיין ווערק.

אָבער איך דענק אַז דו זעלבסט בינדסט צו מער וויכטיגקייט צו דעם אַנדערען ווידערשפּרוך מיט וועלכען דו באַשולדיגסט מיך. זינט די מענשען וואַרפען זיך נאָר עטוואָס אונטער צו פאַרשטענדליכע אַרגומענטען, אָבער לאָזען זיך דאָגעגען פולשטענדיג באַהערשען פון זייערע אינסטינק־טועלע פאַרלאַנגען, וואָרום־זשע זאָל מען וועלען אוועק נעמען פון זיי אַ מיטעל וואָס באַפרידיגט זייערע אינסטינקטען און אים פאַרבייטען ביי פאַרשטענדליכע אַרגומענטען? געוויס מענשען זיינען אַזוי, אָבער האָסטו זיך געפרעגט צו זיי דאַרפען זיין אַזוי, צו זייער אינערסטע נאַטור מאַכט דאָס נויטווענדיג? קאָן אַן אַנטראָפּאָלאָג געבען דעם שאַרבען־אינהאַלט

פון אַ פאָלק וועמעס מנהג איז צו פאַרדאַרבען דעם געשטאַלט פון זייערע קינדערס קעפּ דורך דעם באַנדאַזשירען זיי פון יונגערהייט אָן? דענק פון דעם שמערצליכען קאָנטראַסט צווישען דעם שטראַלענדען פאַרשטאַנד פון אַ געזונד קינד און דער שוואַכער גייסטיגקייט פון דעם דורכשניטליכען דערוואַקסענעם. איז דאָס טאַקע דורכאויס אוממעגליך אַז עס איז נאָר די רעליגיעזע ערציאונג וואָס דאַרף באַשולדיגט ווערען אין באַצוג פון דיזען געמיין ווערען? איך דענק אַז עס וואָלט נעמען זעהר אַ לאַנגע צייט איידער אַ קינד וועלכעם איז ניט באַאיינפלוסט וועט זיך אָנפאַנגען צו קימערען וועגען גאָט און זאַכען פון עולם הבא. פיליכט וואָלטען דאַן זיינע געדאַנקען אין דיזע אַנגעלעגענהייטען נעמען דעם זעלבען קורס ווי זיי האָבען געטון ביי זיינע אור־עלטערן; אָבער מיר וואַרטען ניט פאַר דיזער אַנטוויקלונג; מיר באַקענען אים מיט די רעליגיעזע דאָקטרינען אין אַ צייט ווען ער איז אי ניט פאַראינטערעסירט אין זיי אי ער איז ניט אימ־שטאַנד צו באַגרייפען זייער באַדייטונג. איז דאָס ניט אמת אַז די צוויי הויפּט פונקטען אין דער מאָדערנער בילדונגס פּראָגראַם זיינען דאָס אָפּלייגען אויף וואָס שפּעטער פון דער סעקסועלער אַנטוויקלונג און די פריהע אָנווענדונג פון דעם רעליגיעזען איינפלוס? אַזוי אַז ווען דעם קינדס פאַרשטאַנד ערוואַכט, זיינען שוין די רעליגיעזע דאָקטרינען אונאָנ־גרייפבאַר. אָבער דיינקסטו אַז דאָס איז באַזונדערס ניצליך צו דער פאַר־שטאַרקערונג פון דער גייסטיגער פונקציע אַז אַזאַ וויכטיגע ספערע זאָל זיין פאַרשלאָסען צו אים ביי דעם סטראַשען מיט די שמערצען פון גיהנום? מיר דאַרפען ניט זיין שטאַרק איבעראַשט איבער דער שוואַכער גייסטיג־קייט פון דעם מענשען וואָס האָט זיך אַמאָל געבראַכט אָנצונעמען אָהן קריטיזיסם אַלע אַבסורדען וואָס די רעליגיעזע דאָקטרינען חזר'ן איבער צו אים, און זאָגאַר צו פאַרזעהן די ווידערשפּרוכען צווישען זיי. איצט האָבען מיר קיין אַנדערע מיטלען אויף צו קאָנטראָלירען אונזערע אינ־סטינקטען דען אונזער אינטעליגענץ. און ווי קאָנען מיר ערוואַרטען אַז לייטע וועלכע זיינען באַהערשט ביי די דאַנקען־פאַרבאָטונגען זאָלען ער־רייכען דעם פּסיכאָלאָגישען אידעאַל דאָס עלעמענטאַרע פון דער אינטעל־ליגענץ? דו ווייסט אויך אַז פרויען אין אַלגעמיין, ווערט געזאָגט, ליידען פון דער אַזוי אָנגערופענער „פּסיכאָלאָגישער שוואַכער־פאַרשטענדליכ־קייט,“ ד. ה. אַן אָרימערע אינטעליגענץ דען דעם מאַנס. דער פאַקט זעלבסט איז שטרייטבאַר, זיין ערקלערונג צווייפעלהאַפט; אָבער עס איז דיספּוטירט געוואָרען צוליב דער אונטערשטיצונג פון דיזער אינטעלעקטו־

עלער דעגענעראציע וואס די פרויען ארבייטען אונטער דער גרויזאמקייט פון דער פארצייטיגטער פארבאטונג, וועלכע האט זיי געשטערט פון אנ־צווענדען זייער אינטעליגענץ צו דעם וואס וואלט זיי אממערסטען אינ־טערעסירט, דאס מיינט צו זאגען, צו די פראבלעמען פון דעם סעקסועלען לעבען. אזוי לאנג ווי א מענשענס פריהעסטע יארען זיינען באאיינפלוסט ביי דער רעליגיעזער דיינקען־פארבאטונג און ביי די וואס קומען ארויס פון איר, אזוי גוט ווי ביי דער סעקסועלער, קאנען מיר ריכטיג ניט זאגען וואס ווירקליך אזוינס ער איז.

אבער איך וועל צוריקהאלטען מיין נייגירדע און וועל צולאזען די מעגליכקייט אז אין אויך יאג זיך נאך אן אילוזיע. פיליכט איז דער עפעקט פון דער רעליגיעזער דיינקען־פארבאטונג ניט אזוי שלעכט ווי איך באהויפטע, פיליכט וועט זיך ארויסווייזען אז די מענשליכע נאטור בלייבט די זעלבע אפילו ווען די בילדונג איז ניט באטריגען דורך איר אונטער־געווארפענקייט צו דער רעליגיע. איך ווייס דאס ניט, און דו קאנסט דאס אויך ניט ווימען. ניט נאר זיינען דאס די גרעסטע פראבלעמען פון דעם לעבען וועלכע זעהן איצט אויס צו זיין אונלעזבאר; עס זיינען אויך פארא־נעען פיל קלענערע פראגען וואס זיינען שווער צו אנטשיידען. אבער דו מוזט צו געבען אז עס איז דא פאראן א בארעכטיגונג פאר א האפנונג אין דער צוקונפט, אז פיליכט וועלען מיר אויס גראבען אן אוצר וועלכער וועט קאנען בארייכערען די קולטור, און עס איז וואויל ווערט די מיה צו מאכען דעם עקספערימענט פון אן אונרעליגיעזער בילדונג, זאל זיך דאס ארויס־ווייזען ניט צופרידענשטעלענד, בין איך גרייט אפצוגעבען די רעפארם און זיך אומקערען צו דעם פריהערדיגען, ריינעם באשריבענעם אורטייל: דער מענש איז א באשעפעניש מיט א שוואכער אינטעליגענץ וועלכער ווערט רעגירט ביי זיינע אינסטינקטועלע באגערען.

עס איז נאך פאראן אן אנדער פונקט אין וועלכען איך בין מיט דיר איינשטימיג מיט דעם גאנצען הארצען. עס איז, צו זיין זיכער, אן אומ־זיניגע האנדלונג צו פרובירען אפצושאפען די רעליגיע דורך צוואנג און מיט איין מאל—איבערהויפט ווען דאס איז א האפנונגסלאזער פאל. דער גלויביגער וועט ניט לאזען מען זאל אוועק נעמען פון אים דאס גלויבען ניט ביי ארגומענטען און ניט דורך פארבאטונגען. און ווען עס זאל זאגאר געלונגען מיט אייניגע, וואלט דאס זיין א גרויזאמע זאך אזוי צו טון. א מענש וועלכער האט פאר צענדליגער יארען איינגענומען שלאף געטראנק

איז נאַטירליך ניט אימשטאַנד איינצושלאָפען אָהן דיזען מיטעל. אַז דער עפעקט פון די טרויסטען פון דער רעליגיע קאָן פאַרגלייכט ווערען צו דעם פון אַ נאַרקאָטישען איז זעהר גוט אילוסטרירט ביי דעם וואָס עס קומט פאָר אין אַמעריקע. זיי פּרובירען דאָרט אַצינד—פּשוט אונטער דעם איינפלוס פון אַ קלעדילדיגער רעגירונג—אַוועק צו נעמען פון די מענשען אַלע רייצענדע מיטלען, באַטויבענדע געטראַנקען און לוקסוסען, און אָנזעטיגען זיי מיט גלויבען אַלץ אַ באַגיטיגונג. דאָס איז אַן אַנדער עקספּערימענט וועגען דעם רעזולטאַט איבער וועלכען מיר דאַרפען ניט זיין נייגעריג. און אַזוי אויך בין איך ניט איינפאַרשטאַנען מיט דיר ווען דו האַלטסט אין איין אַרגומענטירען אַז דער מענש קאָן אין אַלגעמיין ניט אויסקומען אָהן די טרויסטען פון דער רעליגיעזער אילוזיע, דאָס אָהן איר וואָלט ער ניט איבערטראָגען די צרות פון דעם לעבען, די גרויזאַמקייט פון דער ווירקליכקייט. געוויס, דאָס איז אמת וועגען דעם מענשען אין וועלכען דו האָסט אַריינגעטריפט די זיסע—אָדער די ביטערע־זיסע—גיפט פון קינדווייז אָן. וואָס איז אָבער מכח די אַנדערע, וועלכע זיינען דערצויגען געוואָרען ניכטער? פיליכט דער, וועלכער וועט ניט ליידען פון אַ ניאָראָסיס, וועט ניט דאַרפען קיין באַרוישונג מיטעל צו פאַרטויטען דאָס. אמת, דער מענש וועט זיך דאַן געפינען אין אַ שווערער סיטואַציע. ער וועט דאַרפען מודה זיין אויף זיין גאַנצער הילפלאָזיגקייט אין זיין אונוויכטיגער ראָלע אין דער אַרבייט פון דעם אוניווערס; ער וועט דאַרפען מודה זיין אַז ער איז ניט מער דער צענטער פון דער באַשאַפונג, ניט מער דער אָביעקט פון דער צערטליכער אויפפאַסונג פון אַ וואוילטעטיגער השגחה. ער וועט זיין אין דער זעלבער פּאָזיציע ווי אַ קינד וועלכעס האָט פאַרלאָזען די היים וואו ער האָט זיך געפילט אַזוי וואַרים און באַקוועם. אָבער, נאָכאַלעמען, איז דען ניט דער שיקזאַל פון קינדערשקייט צו איבער געקומען ווערען? דער מענש קאָן ניט פאַרבלייבען אַ קינד אויף אייביג; ער מוז זיך סוף כל סוף וואַגען אין דער פיינדלאַכער וועלט אריין. דאָס קאָן אָנגערופען ווערען „ערציהונג צו ווירקליכקייט"; באַדאַרף איך דיר זאָגען אַז דאָס איז דער איינציגער צוועק פון מיין בוך צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט אויף דער נויטווענדיגקייט פון דיזען פאָרשריט?

דו האָסט מורא, ווארשיינליך, אַז ער וועט ניט אויסהאַלטען די פּראָבע? גוט, יעדענפאַלס, לאָמיר זיין האָפנונגספול. עס איז אַמווייניגסטענס ווערט עפּעס צו וויסען אַז מען מוז זיך פאַרלאָזען אויף אייגענע מיטלען. מען לערנט דאַן ווי אַזוי געהעריג זיי צו געברויכען. און דער

מענש איז ניט אינגאַנצען אָהן הילפס מיטלען; זינט דער צייט פון דעם מבול האָט די וויסענשאַפט אים פיל געלערנט, און וועט נאָך ווייטער פאַר־גרעסערען זיין מאַכט. און וואָס אַנבעלאַנגט די גרויסע נויטוועדיגקייטען פון שיקזאַל, געגען וועלכען עס איז ניט פאַראַן קיין רפואה, דאָס וועט ער איינפאַך לערנען צו דולדען מיט רעזיגנאַציע. פון וועלכען באַטרעף איז צו אים די אילוזיע פון אַ קעניגרייך אויף דער לבנה, וועמעס איינקונפט איז נאָך קיינמאָל ביי קיינעם ניט געזעהן געוואָרען? אַלס אַן ערליכער אַרבייטער אויף דער ערד וועט ער וויסען ווי צו קולטיווירען זיין שטיק לאַנד אין אַ וועג וואָס זאָל אים קאָנען ערנערען. אַזוי אַרום דורך דעם צוריקציהען זיינע ערוואַרטונגען פון אַ יענער וועלט און קאָנצענטרירענדיג אַלע זיינע באַפרייטע ענערגיעס אויף דיזען ערדליכען לעבען וועט ער וואַר־שיינליך דערגרייכען אַ צושטאַנד פון זאַכען אין וועלכען דאָס לעבען וועט זיין דערטרעגליך פאַר אַלעמען און קיינער וועט מער ניט זיין אונטער־דריקט ביי דער קולטור. דאַן וועט ער מיט איינעם פון אונזערע אומגלויביגע גענאָסען זיין אימשטאַנד צו זאָגען אָהן חרטה:

לאָמיר לאָזען די הימלען
צו די ענגעלס און די שוואַלבען.

צענטער קאַפּיטעל

„דאָס קלינגט טאַקע אויסגעצייכענט. אַ ראַסע פון מענשען וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע אילוזיעס און איז דאַדורך געוואָרען אימשטאַנד צו מאַכען זיין עקזיסטענץ אויף דער ערד ערטרעגליך! אָבער איך קאָן ניט טיילען מיט דיר דיינע ערוואַרטונגען. און דאָס איז, ניט דערפאַר וואָס איך בין דער חזיר־קאָפּ רעאַקציאָנער פאַר וועלכען דו נעמסט מיך פיליכט אָן, ניין; עס איז דערפאַר וואָס איך בין אַ פאַרשטענדליכער פּער־זאָן. עס שיינט צו מיר אַז מיר האָבען זיך פאַרביטען מיט די ראָלען; דו צייגסט זיך אַרויס צו זיין דער ענטהוזיאַסט, וועלכער ערלויבט זיך צו ווערען אַוועקגעטראָגען ביי די אילוזיעס, און איך שטעל אַרויס די פאָדע־רונגען פון דעם פאַרנונפט, דאָס רעכט צו זיין סקעפּטיש. דאָס וואָס דו האָסט נאָר וואָס באַשטעטיגט שיינט צו מיר צו זיין געגרינדעט אויף טעות'ן, וועלכעס איך קאָן לויט דיין פריערדיגען אָנרופען אילוזיעס ווייל זיי געבען גאַנץ קלאָר אויס דעם איינפלוס פון דיינע וואונשען. דו גיסט זיך איבער צו דער האָפנונג אַז די דורות וועלכע האָבען ניט ערפאַרען דעם

איינפלוס פון דער רעליגיעזער לעהרע אין די פריעסטע קינדער יאָרען וועלען לייכט דערגרייכען דעם געוואונשטען פאָרצוג פון דער אינטעליגענץ איבער דעם לעבען פון די אינסטינקטען. דאָס איז זיכער אַן אילוזיע; אין דיזען אַנטשיידענדען פּונקט קאָן קוים די מענשליכע נאַטור איבער געאַנדערשט ווערען. אויב איך מאַך ניט קיין טעות—מען ווייסט אַזוי ווייניג פון אַנדערע ציוויליזאַציעס—עס זיינען פאַראַנען לייטע זאָגאַר היינט וועלכע ווערען דערצויגען אָהן אַ דרוק פון אַ רעליגיעזען סיסטעם, און קומען דאָך ניט נעהנטער צו דיין אידעאַל דען די אַנדערע. אויב דו ווינשט אויסצושליסען די רעליגיע פון אונזער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע קאָנסטו דאָס נאָר טון דורך אַן אַנדער סיסטעם פון דאָקטרינען, און גלייך פון אָנפאַנג וואָלט ער איבערנעמען די אַלע פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיקס פון דער רעליגיע, די זעלבע הייליגקייט, שטרייגקייט און אומטאָלעראַנץ, די זעלבע פאַרבאָטונגען פון דיינקען און זעלבסט פאַרטיידיגונג. עפּעס פון דיזען סאָרט מוזטו זיך האָבען צו באַרעכטיגען די פאָדערונגען פון בילדונג. ווייל דו קאָנסט ניט אויסקומען אָהן בילדונג. דער וועג פון אַ זויגענדען קינד ביז אַ ציוויליזירטען מענשען איז זעהר אַ לאַנגער; צו פיל יונגע לייטע וואָלטען אַראָפּ בלאָנדזשען און וואָלטען פאַרפעלען אָנצוקומען צו זייערע לעבענס אויפגאַבען אין דער באַשטימטער צייט ווען מען וואָלט זיי איבערלאָזען אָהן פירערשאַפט צו זייער אייגענער אַנטוויקלונג. די דאָקטרינען וועלכע מען באַנוצט אין זייער בילדונג וועט אַלע מאָל באַגריינצען דאָס דיינקען פון זייערע עלטערע יאָרען, פּונקט ווי דו טאַדעלסט די רעליגיע פאַר דעם וואָס זי טוט היינט. באַמערקסטו גאָר ניט אַז דאָס איז דער אומאויסגעוואָרצעלטער נאַטירליכער פעהלער פון אונזער, פון יעדער, קולטור אָט דאָס וואָס זי לייגט אַרויף אויף דעם קינד, וועלכעס איז געפיהרט ביי זיינע אינסטינקטען און איז אינטעלעקטועל שוואַך, דאָס מאַכען פון ענטשיידונגען צו וועלכען נאָר אַ רייפע אינטעליגענץ פון אַ דערוואַקסענעם קאָן טון גערעכטיגקייט? אָבער אַ דאַנק דעם פאַקט וואָס די אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט דורך די צייטען איז קאָנצענטרירט אויף בלויז אייניגע יאָרען פון דער קינדהייט קאָן די קולטור אַנדערש ניט מאַכען, און עס איז נאָר אַדאַנק דעם עמאָציאָנעלען איינפלוס קאָן עס באַוואויגען ווערען דורכצופירען די אויפגאַבען וועלכע זיינען פאַר דעם באַשטימט. אַלזאָ אָט דאָס איז דער אויסקוק פאַר דיין „פאָרצוג פון דעם אינטעלעקט".

און איצט זאָלסטו ניט זיין איבעראַשט אויב איך קום אַריין אין

מיטען לטובת דעם אָנהאַלטען פון דעם רעליגיעזען סיסטעם פון לערנען אַלס דער באַזיס פון בילדונג און פון דעם מענשליכען געמיינשאַפטליכען לעבען. עס איז אַ פּראַקטישער פּראָבלעם, און ניט אַ פראַגע פון דער ווירקליכקייטס ווערט. זינט מיר קאָנען ניט, צוליב דעם אָנהאַלטען פון אונזער קולטור, אָפּפּלייגען דאָס באַאיינפלוסען פון דעם אינדיווידועל ביז ער וועט רייף ווערען פאַר קולטור—פילע וועלען סיי ווי דאָס קיינמאָל ניט ווערען—און זינט מיר זיינען פאַרפליכטעט אַרויף צו דריקען עפּעס אַ סיסטעם פון לערנען אויף דעם וואַקסענדען קינד וועלכער זאָל האָבען דעם עפעקט אויף אים פון אַ חק וואָס ערלויבט ניט קיין קריטיציזם, זעהט דאָס אויס צו מיר אַז דער רעליגיעזער סיסטעם איז ווייט דער צוגענגליכסטער פאַר דיזען צוועק; און געוויינליך טאַקע צוליב אָט ד'ער אייגענשאַפט—איר מאַכט פאַר וואונש־ערפילונגען און טרויסטונג—דורך וועלכער, לויט דיין באַהויפּטונג האָסט דו אַנערקענט אַלס אַן „אילוזיע“. אין אַנזעהן פון די שוועריגקייטען צו אַנטדעקען עטוואָס וועגען דער ווירקליכקייט, געווים עס איז אַ צווייפעל אויב עס איז גאָר אינגאַנצען מעגליך פאַר אונז, מוזען מיר ניט פאַרזעהן דעם פאַקט אַז די מענשליכע באַדערפנישען זיינען אויך אַ טייל, און ווירקליך אַ וויכטיגער טייל, פון דער ווירקליכקייט, און אַזעל־כער וועלכער אינטערעסירט אונז באַזונדערס גאַנץ שטאַרק.

„איך געפין אַן אַנדער פאַרצוג פאַר דער רעליגיעזער דאָקטרין אין איינער פון אירע אייגענטימליכקייטען, פאַר וועלכען דו זעהסט אויס צו מאַכען אַ באַזונדערען אויסנאַם. עס לאָזט צו אַן אידייאישע ראַפינירונג און לייטערונג, דורך וועלכען מען קאָן זי אויסשיילען פון די מערסטע פון יענע שפּורען פון דעם פּרימיטיווען און קינדערשען וועג פון דיינקען וועלכע זי ענטהאַלט און וואָס עס בלייבט דאַן איז אַ סיסטעמע פון אידייען וועלכע די וויסענשאַפט ווידערשפּרעכט ניט מער און וועלכע זי קאָן ניט אָבווייזען. דיזע מאָדיפיצירונגען פון דער ריליגיעזער דאָקטרין, וועלכעס דו האָסט פאַרדאַמט אַלץ האַלבע מאָסען און קאָמפּראָמיסען, מאַכען עס מעגליך איבערצולייגען אַ בריק איבער דעם אָבגרונד פון צווישען די אומ־געבילדעטע מאַסען און דעם פילאָסאָפישען דיינקער, און—צו אויפהאַלטען די געמיינשאַפטליכע פאַרבינדונג צווישען זיי וועלכעס איז אַזוי וויכטיג פאַר דער באַשיצונג פון דער קולטור. מיט דעם וועסטו מער ניט דאַרפען מורא האָבען טאָמער וועט דער אָרעמער מענש אַנטדעקען אַז די אויבער־שיכטע פון דער געזעלשאַפט „גלויבט ניט מער אין גאָט“. איך דיינק אַז איך האָב שוין ביז איצט באַוויזען אַז דיין באַמיהונג באַגרייניצט זיך

זעלבסט צו דעם פאַרזוך צו פאַרבייטען אַ דערוויזענע און עפעקטיש ווערט־פולע אילוזיע פאַר איינער וואָס איז ניט דערוויזען און אָהן אַן עפעקטישען ווערט."

דו וועסט מיך ניט געפינען אונצוגענגליך צו דיין קריטיציזם. איך ווייס ווי שווער עס איז צו פאַרמיידען אילוזיעס; פיליכט זיינען אפילו די האָפנונגען צו וועלכע איך האָב צוגעשטימט פון אַן אילוזיאָנען כאַראַקטער. אָבער איך האַלט זיך שטאַרק ביי דעם איינעם אונטערשייד. מיינע אילוזיעס—אַחוץ דער פאַקט וואָס קיין שטראָף ווערט ניט ארויפגעלייגט פאַר ניט נעמען קיין אנטייל אין זיי—זיינען ניט, ווי די רעליגיעזע, אומפאַסענד פאַר אויסבעסערונג, זיי האָבען ניט קיין דיליאָזיאָנען כאַראַקטער. אויב דערפאַרונג זאָל דערווייזען—ניט צו מיר, נאָר צו אַנדערע נאָך מיר וועלכע דיינקען ווי איך—אַז מיר מאַכען אַ טעות, דאַן וועלען מיר אויפגעבען אונזערע ערוואַרטונגען. נעם מיין באַמיאונג פאַר דעם וואָס עס איז. אַ פּסיכאָלאָג, וועלכער נאַרט זיך אַליין ניט וועגען דער שוועריגקייט פון צו געפינען זיינע אויפגאַבען אין דיזער וועלט, שטרעבט צו באַאָבאַכטען די אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט אין צוזאַמענקלאַנג מיט דעם אָנבליק וועלכען ער האָט געוואונען פון דעם שטודירן די גייסטיגע פּראָצעסען פון דעם אינדיווידועל דורך זיין אַנטוויקלונג פון קינדהייט צו מענליכקייט. אין דיזער פאַרבינדונג צווינגט זיך די אידייע אַליין ארויף אויף אים אַז די רעליגיע איז פאַרגלייכבאַר צו אַ קינדהייט ניאָראָסים, און ער איז אָפּטימיסטיש גענוג צו באַהויפּטען אַז די מענשהייט וועט איבערקומען דיזע ניאָראַטישער פאַזע, פּונקט ווי אַזוי פיל קינדער וואַקסען ארוים פון זייער עהנליבער ניאָראַסים. דיזע שטיקלעך פון ווייסען פון דער אינדיווידועלער פסיכאָלאָגיע מעגען זיך זיין מאַנגעלהאַפט, זייער אַפּליקאַציע צו דער מענשליכער ראַסע אונבאַרעכטיגט, דער אָפּטימיזם אָהן אַ פונדאַמענט; איך גיב דיר צו די אומבאַוואוסטקייט פון דיזע אַלע זאַכען. אָבער אָפט קאָנען מיר זיך ניט צוריקהאַלטען פון צו זאָגען דאָס וואָס מיר דיינקען, ענטשולדיגען זיך זעלבסט אויף דעם גרונד דאָס עס איז געגעבען פאַר ניט מער ווי עס איז ווערט.

און עס זיינען פאַראַנען צוויי פּונקטען אויף וועלכע איך מוז זיך אָפּשטעלען אביסעל לענגער. דער ערשטער, די שוואַכקייט פון מיין פּאָזיציע באַדייטעט נאָך ניט קיין שטאַרקייט פאַר דיינער. איך דיינק אַז דו פאַרטיידיגסט אַ פאַרלאָרענעם פּראָצעס. מיר מעגען באַשטעטיגען

וויפיל מיר ווילען אַז דער מענשליכער אינטעלעקט איז שוואַך אין פאַרגלייך מיט די מענשליכע אינסטינקטען און מיר וועלען זיין גערעכט מיט אַזאַ האַנדלונג. אָבער דאָרט איז פונדעסטוועגען עפּעס זאָנדערבאַר וועגען דיזער שוואַכקייט. די שטימע פון דעם אינטעלעקט איז אַ ווייכע, אָבער זי טוט ניט רוהען ביז זי דערגרייכט אַן אויסהערונג. און ענדליך, נאָך אונצעליגע ווידערהאָלטע אַנטזאַגונגען מאַכט זי דאָך ערפאָלג. דאָס איז איינער פון די ווייניגע פונקטען אין וועלכען מען קאָן זיין אָפּטימיסטיש וועגען דער צוקונפט פון דער מענשהייט, אָבער אַליין איז דאָס פון אַ קליינער באַדייטונג. און מען קאָן דאָס מאַכען פאַר אַן אָנפאַנגס־פונקט נאָך פאַר אַנדערע האָפנונגען. דער פאָרדראַנג פון דעם אינטעלעקט ליגט טאַקע געוויס אין דער ווייטער, ווייטער, אָבער דאָך וואַרשיינליך ניט אונענדליכער, ווייטקייט. און אַזוי ווי דאָס וועט זיך וואַרשיינליך שטעלען די זעלבע צילען וועלכע דו ערוואַרטעסט אַז זיי זאָלען זיך רעאַליזירען דורך דיין גאָט—געוויינלאַך, אינערליך די מענשליכע גרעניצען, און אַזוי ווייט ווי די אויסערע ווירקליכקייט *Avaykn ערלויבט דאָס—די ברודערשאַפט פון דעם מענשען און דאָס פאַרקלענערען פון די ליידען, מעגען מיר זאָגען דאָס אונזער געגנערשאַפט איז נאָר אַ צייטווייליגע און ניט אַן אומאויסגלייכבאַרע. מיר פאַרלאַנגען די זעלבע זאַכען, אָבער דו ביזט מער אומגעדולדיג, מער פאָדערענד, און—וואַרום זאָל איך דאָס ניט זאָגען—מער עגאָאיסטיש ווי איך און אַזעלכע ווי איך. דו וואָלסט וועלען האָבען אַז דער שטאַנד פון גליקזעליגקייט זאָל זיך אָנפאַנגען גלייך נאָכ'ן טויט; דו פאַרלאַנגסט דערפון דאָס אוממעגליכע, און דו ווילסט ניט אָפּטרעטען די פאָדערונג פון דעם אינדיווידועל. פון דיזע פאַרלאַנגען וועט אונזער גאָט י *Aoyos רעאַליזירען יענע וועלכע די אויסערע נאַטור ערלויבט, אָבער ער וועט דאָס טון זעהר גראַדענוויז, נאָר אין דער ווייטסטער צוקונפט און פאַר אַנדערע מענשליכע קינדער. באַלוינונג פאַר אונז, וועלכע ליידען שמערצליך פון דעם לעבען, זאָגט ער ניט צו. אויף דעם וועג צו דיזען ווייטען ציעל וועט מען דאַרפען דיינע רעליגיעזע דאָקטרינען אָפּוואַרפען, עס מאַכט ניט אויס אויב די ערשטע פאַרזוכען וועלען זיך ניט איינגעבען, אָדער אויב די ערשטע סאָבסטיטוט—פאָרמירונגען וועלען זיך אַרויסווייזען צו זיין אומשטאַנדהאַפט. דו ווייסט פאַרוואָס; אין דעם ווייטען לויף קאָן קיין זאַך ניט ווידערשטעהן דעם פאַרנונפט און דער־

*The twin gods Avaykn - Aoyos of the Dutchman Multatuli.

פאַהרונג, און דער ווידערשפּרוך וואָס די רעליגיע אָפּפערטביידען איז נאָר צו דייטליך. ניט אַפילו די גערייניגטע רעליגיעזע אידייען וועלען אויסמיידען דיזען שיקזאַל, אַזוי לאַנג ווי זיי פּרובירען נאָך צו פאַרהאַל־טען עטוואָס פון דעם רעליגיעזען טרויסט. געוויס, אויב דו באַריינצט זיך צו דעם גלויבען אין אַ העכערען ספּיריטועלען וועזען, וועמעס אייגענשאַפ־טען זיינען אומדערקלערבאַר און וועמעס אַבזיכטען מען קאָן ניט באַאור־טיילען, דאַן ביזטו געזיכערט געגען דער אַריינמישונג פון דער וויסענ־שאַפט, אָבער דאַן וועסטו אויך פאַרלאָזען די אינטערעסען פון די מענשען.

און צווייטענס: באַמערק דעם אונטערשייד צווישען דיין שטעלונג צו אילוזיעס און מיינער. דו דאַרפסט פאַרטיידיגען די רעליגיעזע אילו־זיע מיט דיין גאַנצען כח; אויב זי זאָל ווערען דיסקרידיטירט—און צו זעהן זי איז פיל געדראָהט—דאַן וואָלט דיין וועלט צוזאַמענגעפאַלען, עס וואָלט דאַן פאַר דיר גאָר ניט געבליבען ווי נאָר צו פאַרצווייפלען פון יעדער זאַך, פון דער קולטור און פון דער צוקונפט פון דער מענשהייט. פון דיזער פאַר־פליכטונג בין איך, מיר זיינען, פריי. זינט מיר זיינען צוגעגרייט זיך אָפּ־צוזאָגען פון אַ גרויסען טייל פון אונזערע קינדערשע פאַרלאַנגען. מיר קאָנען דאָס דערטראָגען אויב אייניגע פון אונזערע דערוואַרטונגען וועלען זיך אַרויסצייגען צו זיין אילוזיעס.

די בילדונג, באַפרייט פון דעם יאָך פון די רעליגיעזע דאָקטרינען, וועט פיליייכט ניט עפעקטען קיין גרויסע פאַרענדערונג אין דעם מענשענס פּסיכאָלאָגישער נאַטור; אונזער גאָט „לאָגאָס" איז פיליייכט ניט זעהר אַ שטאַרקער; ער קאָן נאָר ערפילען אַ קליינעם טייל פון דעם וואָס זיינע פאָרגענגערס האָבען פאַרשפּראָכען. אויב מיר דאַרפען דאָס אַנערקענען, וועלען מיר דאָס טון מיט רעזיגנאַציע. מיר וועלען דערביי ניט פאַרלירען אונזער אינטערעס אין דער וועלט און אין לעבען, ווייל מיר האָבען אין איין רעספּעקט אַ זיכערע אונטערשטיצונג וועלכע דו האָסט ניט. מיר גלויבען אַז עס איז מעגליך פאַר דער וויסענשאַפטליכער אַרבייט צו אַנטדעקען עטוואָס וועגען דער ווירקליכקייט פון דער וועלט דורך וועלכען מיר קאָנען פאַרגרעסערן אונזער מאַכט און לויט וועלכען מיר קאָנען רעגולירען אונזער לעבען. אויב דיזער גלויבען איז אַן אילוזיע, דאַן זיינען מיר אין דער זעלבער פּאָזיציע ווי דו, אָבער די וויסענשאַפט האָט אונז באַוויזען דורך פילע און וויכטיגע ערפאָלגען אַז עס איז ניט קיין אילוזיע. די וויסענ־שאַפט האָט פילע אָפענע, און נאָך מער פאַרבאָרגענע, שונאים צווישען יענע

וועלכע קאָנען איר ניט פארגעבען פאר דעם שוואך מאכען דאָס רעליגיעזע גלויבען און פאר דעם סטראשען אינגאנצען דאָס צו פארניכטען. לייטע טאדלען איר פאר דעם קליינעם באטרעף וואָס זי האָט אונז געלערנט און פאר דעם אומפארגלייכבארען גרעסערען באטרעף וואָס זי האָט איבער געלאָזט אין דער פינסטער. אָבער דאָן פארגעסען זיי ווי יונג זי איז, ווי שווער עס זיינען אירע אָנפאנגען, און ווי אונענדליך קליין עס איז דער רוים פון דער צייט זינט דער מענשליכער אינטעלעקט איז געוואָרען שטארק גענוג פאר די אויפגאבען וואָס זי האָט אים אוועק געשטעלט. טוען מיר ניט אַלע איין אומרעכט אין דעם וואָס די פעריאָדען פון דער צייט וועלכע מיר מאכען אַלס דעם באזיס פון אונזערע אורטיילען זיינען פון צו א קליינעם דויער? מיר וואָלטען דארפען נעמען א ביישפיל פון דעם געאָלאָג. לייטע באקלאָגען זיך אויף דער אומפארלעסליכקייט פון דער וויסענשאפט, אז זי פראָקלאמירט אַלס א געזעץ היינט וועלכעס דער נעקסטער דור וועט אנערקענען פאר א טעות און עס וועט פארביטען ווערען פאר א נייעם געזעץ פון א גלייכערוויזע קורצער דויערהאפט. אָבער דאָס איז ניט ריכטיג און טיילוויז ניט אמת. די אומבילדונג פון די וויסענשאפטליכע אידייען איז א פראָצעס פון אנטוויקלונג און פראָגרעס, און ניט פון רעוואָלוציע. א געזעץ וואָס איז פון אָנפאנג געווען אָנגעהאלטען צו זיין אוניווערסאל שטארק און גילטיג איבערצייגט זיך צו זיין א ספעציעלער פאַל פון א מער באגרייפליכען געזעץ, אָדער זיין צוועק איז באגרעניצט ביי אַן אנדער געזעץ וואָס ווערט ערשט שפעטער אנטדעקט; א זאך וואָס איז ניט גענוי נאָהנט צום אמת ווערט פארביטען פאר אַן אנדערער מער פאָרזיכטיגער צוגעריכטעטער, וועלכע ערוואַרטעט אין איר רייע צו פאר־ביטען ווערען פאר א ווייטערער דערגרייכונג צו דער פאָלקאָמענהייט. אין עטליכע ספערען האָבען מיר נאָך ניט איבערגעשטיגען די פאזע פון אונ־טערזוכונג אין וועלכער מיר פרובירען היפאָטעזיסען וואָס דארפען באלד צוריק געוואָרפען ווערען אַלס ניט פאסענד; אָבער אין אנדערע האָבען מיר שוין א פארזיכערטען און כמעט אומפארענדערליכען שורש פון וויסען. ענדליך איז געמאכט געוואָרען א פארזוך צו דיסקרעדיטירען ראדיקאַל דאָס וויסענשאפטליכע באשטרעבונג אויף דעם סמך וואָס, ווי צוגעבונדען עס איז צו די אומשטענדען פון אונזער אייגענער אָרגאניזאציע, קאָן דאָס דאָך ניט געבען אחוץ סוביעקטיווע רעזולטאטען, ווייל די ווירקליכע נאַ־טור פון זאכען אויסערליך פון אונז, בלייבט אונצוגענגליך צו איר. אָבער דאָס מיינט ניט צו אכטען עטליכע פאקטאָרען פון אַנטשיידענדער וויכ־

טינקיים פאַר דעם פאַרשטעהן פון דער וויסענשאַפטליכער אַרבייט. ערשטענס, אונזער אָרגאַניזאַציע, ד. ה. אונזער גייסטיגער אַפּאַראַטוס, איז אַקטועל אַנטוויקעלט געוואָרען דורך דעם פאַרזוך אויסצופאָרשען די אויסערע וועלט, און דאַריבער האָט זיך געמוזט רעאַליזירען אין זיין סטרוקטור אַ געוויסע מאָס פון געהעריגקייט; צווייטענס, ער אַליין איז אַ צוזאַמענגעזעצטער טייל פון דער וועלט וועלכע מיר דאַרפען אונטער־זוכען; דריטענס, די אויפגאַבע פון דער וויסענשאַפט איז גענצליך באַ־שריינקט אויב מיר באַגריינצען איר נאָר צו דעם ווייזען ווי די וועלט ועט ערשיינען צו אונז אין קאָנסעקווענץ פון דעם זאָנדערבאַרען כאַראַקטער פון אונזער אָרגאַניזאַציע; פערטענס, די לעצטע דערפינדונגען פון דער וויסענשאַפט, שוין צוליב דעם וועג דורך וועלכען זיי זיינען דערגרייכט זיינען קאָנדיציאָנעל ניט נאָר ביי אונזער אָרגאַניזאַציע נאָר אויך ביי דעם וואָס עפעקטעט דיזע אָרגאַניזאַציע; און ענדליך, דער פּראָבלעם פון דער נאַטור פון דער וועלט אָהן ריקזיכט פון אונזער פילענדען גייסטיגען אַפּאַ־ראַטוס איז אַ לעדיגע אַבסטראַקציע אָהן פּראַקטישען אינטערעס.

ניין, די וויסענשאַפט איז ניט אַן אילוזיע. אָבער עס וואָלט זיין אַן אילוזיע צו דיינקען אַז מיר וואָלטען קאָנען קריגען ערגעץ אַנדערש דאָס וואָס זי קאָן אונז ניט געבען.